STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06414

EYN UN TSVANTSIK UN-EYNER

Shabtay Blyakher

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. בליאכער

איין און צוואנציק....

ISBN:0-657-06414-9

א׳

אינהאַלט:

אַבֿרהם מאָרעווסקי — דמי אחיך צועקים — 3

לייזער ראַן — אַ לעבנס-געשיכטע פון אַ טויט-בראַניק — 7

שבֿתי בליאַכער — אַריינפיר — 17

ליב שריפטזעצער — 18

פראַניע ווינטער — 28

מאָרים ליאַמפּע — 31

יוסף באַש — 37

אידינאַ באַש — 42

קדיש באַש — 44

פרידאַ וויטאַלינאַ — 49

ניקאָלאַי עליאַשעוו — 52

מוסיע סמאַרגאָנסקי — 54

משה זעלווער — 58

נאַדיע ראַדין — 61

שמעון זאַבלאָצקי — 63

מיכאל קאַץ — 67

פּיניע זיגעלבוים — 70

אברהם סטאָבער — 73

בן-ציון אבעלסאָן — 76

ישראל זובאַק — 77

שרה זובאַק — 80

לייב קוזנעצאָוו — 81

ציליע סטראַשון — 84

שמחה ליפּאָווסקי — 85

לייזער ראַן — שבתי בליאַכער — 91

באַמערקונגען — 96

רשימה פון בילדער אין בוך — 98

זובצעטל פון נעמען און אָרטשאַפטן — 99

בולעטין פון „ווילנער פאַרלאַג" — 105

שבתי בליאַכער

איין און צוואַנציק און - איינער

22 אָפּהאַנדלונגען
וועגן די אומגעבראַכטע יידישע אַרטיסטן אין ערשטן יאָר
פון דער נאַצי־הערשאַפט אין ווילנע
1941־1942

אַריינפיר־ווערטער פון
אברהם מאַרעווסקי און לייזער ראַן

•

צוגעגרייט
פאַרן פאַרלאַג
פון
„ווילנער געטאָ"
ווילנע 1942

אַרויסגעגעבן
פון
„ווילנער
פאַרלאַג"
ניו־יאָרק 1962

SH. BLAKHER

TWENTY ONE AND ONE

(Ein Un Zwanzig un Einer)

ABOUT TWENTY-ONE YIDDISH ACTORS MURDERED BY THE NAZIS IN VILNA 1941-1942

Preface's
A. Morewski and L. Ran

Notes and Explanations
By **Leiser Ran**

Copyright 1962

Prepared
for the
Ghetto Publishing Co.
Vilna, 1942

Published
by
"Vilner Varlag"
New York, 1962

Printed in the U. S. A., Grenich Printing Corp, N. Y.
166

די אין יאָרן פון יידן-חורבן אויסגעמאָרדעטע יידישע בינע-קינסטלער: אַרטיסטן, זינגער, רע-זשיסערן, מוזיקער, מחברים, קאָמפּאָזיטאָרן, די-ריגענטן, באַרעאָגראַפן, טעאַטער-ליבהאָבער און בינע-אַרבעטער; די טעאַטער-אַנסאַמבלען, ליב-האָבער-קרייזן, באַרן, טעאַטער-און קונסט-געזעל-שאַפטן —

ל ז כ ר ו ן!

„ווילנער פאַרלאַג"

דמי אחיך צועקים

דריי שטיינער האָבן זיך צעשריען: דריי אַלטע ווילנער ברוק־שטיינער...

דער ווילנער ווערקער, לייזער ראַן, וועקט: „אברהם מאָרעוווסקי — זיי מספּיד די קדושים!"

דער פּאָנאַרער ווינט רוישט צווישן די פאַרבלוטיקטע בלעטער פון דער טויט־כראָניק.

און עס שרייט די פעדער צו די פינגער — ש ר י י ב!

אָבער פון שרייען ביז שרייבן איז אַ מהלך. שטעקט די פעדער פאַרגליווערט צווישן די פינגער און — שרייט... אָבער די פינגער שרייבן קאָנען נישט.

ווייל — וואָס, וואָס ש ר י י ב ן?

ווידער און ווידער שיטן ווערטער וועגן די גרוילן? ווידער אי־בערחזרן די פאַרשאָלטענע נעמען פון די נאַצי־תלינים?

אָבער לעבעדיקע מענטשן און לעבעדיקע יידן דאַרפן לעבן אין זכר און אין רום פון דער גבורה וואָס איז אויסגעוואַקסן אין די הויכן פון יאוש און גרויל.

וועגן די פינצטערע צייטן האָט מען אָנדערציילט אַזויפיל און אַזוי פאַרשיידן און אַזוי אין סתירה צווישן איין פרט און אַ צווייטן, אַז אַרום דעם קאָן מען נאָר שרייען, אָבער ס'איז נישט מעגלעך צו קאָמפּאָנירן געמאָסטענע, ריטמישע זאַצן.

איז וואָס שייך שרייבן? — זיפצן! זינגען! מאָלן!

ווייל מאָטיוון — אבסטראהירן די פאַקטן און אויב עס זיינען אפילו געענדערט וועלכע ס'איז פרטים, ווערט דערפון נישט קיין שקר.

אָבער אין ווערטער קאָן דאָך אָן אות איבערקערן דעם אמת מיטן קאָפּ אַראָפּ.

***

דערמאָנען מיר דעם מחבר פון דער טויט־כראָניק —

שבתי בליאַכערס אַקטיאָרישער וועג וואָלט געקענט זיין אַ שטאָף פון וועלכן מען וואָלט אַ סך געלערנט. נאָך די ערשטע יאָרן אינגאַנצן אונטער מיין איינפלוס און קאָנטראָל, איז ער געגאַנגען פון דער שול־באַנק דורך עטלעכע יאָר אונטער מיין רעזשי, בעת מיינע גאַסט־שפּילן אין ווילנע, און דערגרייכט ביז צו אַן אָנגעזעענעם מיטגליד אין אַקטיאָרן־פּערסאָנאַל פון „ריגער יידישן מינאָריטעטן טעאַטער”. דאָרט, האָט ער צווישן אַנדערע געשפּילט דעם „לץ” אין קאַציזנעס „דוכוס” און באַוויזן, אַז ער קאָן גרייכן צו דער מדרגה פון אַ קינסטלער מיט אַן אייגענעם נוסח.

נאָכן ריגער סעזאָן האָבן מיר זיך צעשיידט. דערזעענדיק אים אין עטלעכע יאָר אַרום, האָב איך אים געוואָרנט, אַז אים דראָט די סכנה אַסימילירט צו ווערן אין יענע טעאַטער־קרייזן וואו עס ווערט קנאַפּ געזאָרגט וועגן סטיל, וועגן פאָרעם און מען ווערט געפירט פון „עלעמענטאַרן טעמפּעראַמענט”.

די יידישע געטאָ־טראַגעדיע האָט אים אָבער אויפגעהויבן און דערהויבן צו אַ קולטור־היסטאָרישער הויך. ער איז געוואָרן אַ מיטשעפער פון טעאַטער אין ווילנער געטאָ און פון דער הויך פון די טעאַטער־ברעטער פון געטאָ איז ער אַוועק פון דער וועלט מיטן דערנערקראַנץ פון אַ קדוש בישראל.

איינע פון די ווערסיעס וועגן שבתי בליאַכערס אומקום דערציילט, אַז בעת דער נאַצישער לאַסט־אויטאָ, וואָס איז געקומען אַוועקפירן די קרבנות, איז שוין געווען פול און די תלינים האָבן בליאַכערן געהייסן זיך אַרויפזעצן, האָט ער געמאָלדן אַז ער וועט נישט איינשטייגן און דער נאַצי האָט אים מיט זיין באַיאָנעט דורכגעשטאָכן דאָס האַרץ. געווען איז דאָס, לויט דער ווערסיע, לעבן שאָפּען גאַס 4 — וואו ער האָט געוואוינט מיט זיין מאַמען און שוועסטער — אין מאָרעוווסקיס הויף.

אפילו ווען די ווערסיע איז נישט דער אמתער פאַקט פון זיין אומקום־טראַגעדיע, מיך פירט זי ווידער מיט אים צונויף און דערנעענטערט צו זיין לעצטער טראַגישער שעה.

זיין ברודער מיטיע (מנחם) בליאַכער, אַ ליכטיקע געשטאַלט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַן אַקטיאָרישן קיום און שפּעטער אַוועק פון טעאַטער, איז אומגעקומען פון אַ פאַרטיזאַנער־קויל.

אין אַ מונדיר פון אַ פּוילישן אָפיצער איז ער געגאַנגען אין שלאַכט קעגן היטלער־דייטשלאַנד. די פּוילישע אַרמיי איז זיך צעפאַלן און ער איז געבליבן אין אַ שטעטל אַ לערער ביי אַ פּאָליאַק. די רויטע פּאַרטיזאַנער זיינען באַפאַלן די „ווייסע פּאָליאַקן” און זייער אָפיצער דערשאָסן.

אין ווען האָבן זיי געצילט און — ווען האָבן זיי געטראָפן? וואָס האָט דער יידישער אינטעליגענט געהאַט צו טאָן מיטן קלאַסן־שונא, וועמען די רויטע פּאַרטיזאַנער האָבן דאָס געזוכט אויסצוראָטן?

פאַרוואָגלט, פאַרוואָרפן, פאַרגעסן, — אפילו נישט זוכה געווען אַריינצופאַלן אין אַ יידישן ברידער־קבר, — איז מיטיע בליאַכער געבליבן ליגן ערגעץ אין פעלד, פאַר קראָען און שאַקאַלן.

*
**

אַקטיאָרן — קדושים!

שלמה מיכאָעלס און אייזיק סאַמבערג. מאָריס ליאַמפּע און בנימין זוסקין. לייב שריפּטזעצער און שבתי בליאַכער.

ווי קאָלאָסאַל אַנדערש זיינען אָט די אַרטיסטישע מאָסן איינער לעבן אַנדערן.

ווי נישט צו פאַרגלייכן איז די קינסטלערישע לייסטונג פון מיכאָעלסן אין „קעניג ליר״ מיט סאַמבערגן אין „שיילאָק״; זוסקינס „לץ״ אין „ליר״ מיט בליאַכערס „לץ״ אין „דוכוס״. אָבער אַלע טויכן זיי היינט אַרויס פון די בלוטיקע נעפּלען צום ליכט, שכינהדיק באַשטראַלטע אין דער טראַגישער געשטאַלט פון די „אָרימע יאָריקס״, וואָס זיינען פאַרזונקען געוואָרן אין תחום, האַלטנדיק אין זייערע הענט די גאָלדענע לירעס, זינגענדיק די שירים פון מענטשלעכער פּיין און אויסלייטערונג.

אַקטיאָרן — קדושים!

ליכטיקע נעמען פון אַ פינצטערער יזכור־כראָניק.

ווי אומפאַרוועלקנד איז אייער זכר! ווי צעבליט און צעשטראַלט זיינען אייערע נעמען! און ווי טיף איז דער אָפּגרונט, אין וועלכן אייערע תלינים זיינען געזונקען — די הענט, וואָס האָבן געמאָרדעט מייסטערזינגער, בעת זייערע פינגער האָבן געציטערט אויף די סטרונעס פון דער יידישער האַרפע.

אַקטיאָרן — קדושים!

די געטאָ־כראָניקעס וועגן זייער שפּעטערישן לעבן און בלוטיקן אומקום, וואָס ווערן דאָ פאַרעפנטלעכט, וועלן אָן שום ספק זאָגן דעם לייענער אַ סך, אַ סך מער, ווי די שענסטע מליצות. איז לאָמיר אפילו נישט פּרוואוון באַפּוצן די טראַגעדיע מיט ווערטער. לאָמיר אָפּהיטן די ווערטער פון מיסברויכן מיט זיי נישט צו פאַרשוועכן די שוועלן צווישן פאַרגוואַלטיקטן לעבן און אייביקן רו.

אַקטיאָרן — קדושים!

געשטאָרבן זיינען זיי נישט, און קדושה וועלקט נישט אין דער אייביקייט.

אברהם מאַרעווסקי (וואַרשע)

אַ לעבנס־געשיכטע פון אַ טויט־כראָניק

דאָס איז געווען דעם 23־טן סעפטעמבער 1943. 5 פאַרטאָג איז פלוצלונג אַראָפּגעקומען דער יידן־מערדער קיטעל [1]) אין ווילנער געטאָ. אין אַ ווייל אַרום האָט שוין דאָס ביסל לעבנגעבליבענע ווילנער יידן געוואוסט דעם אורטייל:

די ווילנער געטאָ ווערט ליקווידירט!

עלף פרי מאַרשירן אַריין די ליטווישע יידן־וועכטער, יידן־יעגער און יידן־שיסער.

אין געטאָ קאָכט ווי אין אַ קעסל: אַ געלויף, אַ געדרענג, אַ גע־רודער. מען שרייט, מען וויינט, מען פּאַקט זיך און מען זעגנט זיך. ווער ס׳לויפט אין הויז אַריין און ווער ס׳לויפט אַרויס און ווער עס פרואווט זיך ערגעץ פאַרשטעקן אין אַ „מאַלינע״. די טירן פון די שפּייז־געוועלבלעך אין געטאָ זיינען אויפגעריסן און ווער עס באַווייזט זיך באַצייטנס אַהין אַריינצוקריגן, פאַרזאָרגט זיך מיט צידה לדרך. קליינע גרופּן פון דער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע, מיטן אַזוי שווער דעראָבערטן ביסל געווער, לאָזן זיך דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויפן וועג צום וואַלד.

פיר בייטאָג מאַרשירן אַריין אין געטאָ אוקראַינער, שפּאַניער און דייטשישע ס. ס.

די לעצטע שעה פון ווילנער געטאָ.

די רעשטלעך פון דער אויסגעמאָרדעטער עדה פון ירושלים ד׳ליטע שטראָמט מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס צום געטאָ־טויער. דורך שפּאַלערן פון ס. ס. און אוקראַינער, באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטישן געווער, ווערט די מאַסע געיאָגט צום ראָסע־פּלאַץ, צו דער לעצטער סעלעקציע פאַרן פאַרלאָזן די היימשטאָט: ווער צו די אַרבעט־לאַגערן קיין עסטלאַנד און ווער צו די טויט־לאַגערן מיידאַנעק און טרעבלינקע.

אין טיר און פענצטער פון קראָמען און וואוינונגען שטייען די קריסטלעכע שכנים און האָבן הנאה פון בילד.

אָט גייען שוין די לעצטע גרופּקעס יידן דורכן טויער. פון אי־נעווייניק הערן זיך די שיסערייען פון די ס. ס. און הילכיקע זידלע־

רייען פון די אוקראַינער, וואָס ווילן אויסשפּירן די פאַרשטעקטע יידן אין די מאַלינעס.

„שנעל, שנעל!" — יאָגן אונטער די זעלנער מיט די ביקסן די מאַרשירנדע מאַסע און ביים געטאָ־טויער מוזן די יידן שנעל זיך באַפרייען פון לעצטן „האָב און גוטס", זיך לייכטער מאַכן די פּעקלעך, מען זאָל חלילה ניט אָפּשטיין אין געלאַף.

וואַלגערן זיך אויפן ברוק די צעטראָטענע און פאַרשמוצטע יידישע מטלטלים פון לעצטן „אויסגעזידלטן" געטאָ־קוואַרטאַל.

ווי פעלד־שטשורעס אַרום אַ פּעטן פּגר באַווייזן זיך די „גוטע שכנים" און טרייסלען איבער יעדע שמאַטע, וואָס האָט נאָך עפּעס אַ ווערט, שלעפּט מען צו זיך אין נאָרע אַריין.

פון גאַלאַנטעריי־געשעפט געוו. זיידשנור־פרידמאַן (אויף ראָג שפּיטאַל־גאַס און רודניצקער) גייט אויך אַרויס „אויף יאַגד" באָלעסלאַוו באַראַטינסקי. ער באַקוקט די יידישע בגדים וואָס וואַלגערן זיך אַנטקעגן דעם געשעפט ביים געטאָ־טויער און ווען קיינער זעט ניט, הייבט ער אויף אַ מאַנוסקריפּט וואָס אַ יונגערמאַן האָט אין געלאַף און געדרענג פאַרלאָרן, אָדער באַין ברירה אַראָפּגעוואָרפן מיט זיין צו שווערן פּאַק. ער פאַרשטעקט דעם כתב־יד אין אַ דערביי ליגנדיקער שמאַטע און קערט זיך צוריק געלאַסן אין געשעפט.

ב. באַראַטינסקי וואוינט העט וויט אין אַ ווילנער פאַרשטאָט. ער קלייבט אויף פון אונטער דער נאַצישער בולאַווע נישט נאָר צעשאָטענע יידישע שריפטן.

דעם זעלבן פאַרטאָג האָט אַ קליינע הייפל יידן באַוויזן זיך אַרויסצוגנבענען דורך אַ לאָך אין געטאָ־מויער און פאַרוויז אַוועק איבער דער פרעמד־געוואָרענער היימשטאָט, פּרוּוון מזל ביי אַלטע גוטע פריינד און באַקאַנטע.

אַלבערט עטינגען איז אַרויס מיט זיין פרוי און צוויי זין, 10 און 13 יאָר אַלט. בשלום אַריבער דעם „גרינעם בריק", וואו דער פון רעגן אויסגעגעצטער דייטשישער וואַך־זעלנער האָט קיין אַכט ניט געלייגט אויף די פריע דורכגייער. אַזוי האָבן זיי דערגרייכט די אַלטע כאַטע פון זייער אַמאָליקן קונד באָלעסלאַוו באַראַטינסקי.

אין דער זעלבער נאַכט האָט באַראַטינסקי מיט זיין אַלטן טאַטן אויסגעגראָבן אַ גרויסע גרוב אין זייער גאָרטן, אַרום 5 פוס ברייט און 2 מיט אַ האַלבע די הויך, און — די משפחה עטינגען האָט זיך אַריינגעצויגן אין זייער נייער „היים".

פון 23־טן סעפּטעמבער 1943, ביזן 13־טן יולי 1944, האָבן די עטינגענס ניט פאַרלאָזן די גרוב, וואָס איז געוואָרן צוגעדעקט מיט ברעטער און פאַרמאַסקירט מיט ערד און גראָז. עס איז דאָרט געווען

אַ קליינע עפּענונג פֿאַר לופֿט און ליכט, וואָס האָט אויך גענוצט אויף נאָכצושפּירן און זען, וואָס עס טוט זיך צו יעדער צייט אויף דער ערד אין נאָענטן אַרום. דער פּערעסקאָפּ פֿון אַ יידישער מאַלינע.

ביינאַכט פֿלעגט זיי דער פֿריינד באַזאָרגן דורך דער עפענונג מיט שפּייז און וואַסער. אין די לאַנגע שעהען פֿון טאָג, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט, פֿלעגט אַלבערט רעציטירן לידער, און איבערדערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געדענקט פֿון דער לעקטור פֿון זיינע פֿריסטע יאָרן, געמונטערט און געמוטיקט זיין פֿרוי און זין.

לאַנגע צען חדשים האָבן זיי אויסגעקוקט אויף דער שעה פֿון אויסלייזונג.

דאָס איינציקע יידישע געשריפֿטס וואָס איז מיט זיי געווען די גאַנצע צייט אין גרוב, איז געווען דער כתב־יד וואָס זייער פֿריינד האָט געהאַט אויפֿגעהויבן פֿון ברוק.

דאָס איז געווען אַ מאַנוסקריפּט פֿון אַ בוך, גרייט צום דרוק וועגן 20 אומגעבראַכטע און איין פֿאַרשטאָרבענעם יידישן אַקטיאָר, במשך פֿון ערשטן יאָר פֿון דער נאַצישער הערשאַפֿט אין ווילנע (22 יוני 1941 — 22 יוני 1942).

דער כתב־יד האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אינגאַנצן, בלויז דער שער־בלאַט מיטן נאָמען פֿון שרייבער און טיטל פֿון דער טויטן־כראָניק איז געבליבן צוגעקלעפּט צום ברוק. דעם נאָמען פֿון יידישן כראָניקער און פֿאַרשרייבער האָבן די נאַציס צעטראָטן אויפֿן היימישן ברוק און אים אַליין צעטראָטן און פֿאַרניכטעט ערגעץ אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דער פֿאַרלאָרענער כתב־יד איז געבליבן לעבן צו דערציילן פֿון דער שוידערלעכער נאַצי־תּקופֿה.

די עטינגענס זיינען געווען שטענדיקע ווילנער איינוואוינער, אָבער אין קאָכיקן יידיש לעבן פֿון ירושלים ד׳ליטע זיינען זיי געווען נאָר זייטיק־פֿרעמדלעכע סובלאָקאַטאָרן. זייערע פֿענצטער האָבן אַרויסגע־קוקט אויף דער רוסיש־ און פּויליש־לעבנדער גאַס.

אָבער די געשיכטע פֿון יידישן געטאָ כתב־יד איז געווען אַזוי ענלעך צו זייער אייגענער געשיכטע, זיין רעטונג אַזוי נאָענט געבונדן מיט זייער רעטונג, אַז דער יידישער כתב־יד איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ טייל פֿון זייער זיין, אַ גליד פֿון איין פֿאַרפֿאָלגטער און געראַטעווע־טער משפּחה.

זיי האָבן דאָס בוך אַ סך מאָל געלייענט. כאָטש די מערהייט פֿון די פּערזאָנען און זייערע ענינים זיינען זיי פֿון פֿריער נישט געווען באַקאַנט, זיינען זיי אָבער געוואָרן מיט זיי נאָענט און היימיש.

ווער איז געווען דער שרייבער פֿון בוך, האָבן זיי ניט געוואוסט, און דאָס איז פֿאַר זיי ניט געווען צו וויכטיק.

װעלכער ייִד, װאָס עפֿנט אַ סידור אָדער אַ מחזור תּפֿילה צו טאָן, טראַכט דערבײַ װער דער בעל־התּפֿילה איז געװען? און דאָס איז געװען דער אײנציקער מחזור, די אײנציקע קינות פֿון געטאָ־חורבן װאָס זײ האָבן געהאַט, די אַנוסים פֿון ייִדישן געטאָ־אונטערערד. האָבן זײ געלײענט די קינות און תּפֿילה געטאָן פֿון די פֿאַרשריבענע בלעטער.

װען עס איז ענדלעך געקומען די הײס־געגאַרטע שעה פֿון דער באַפֿרײַאונג, איז דער געטאָ כּתבֿ־יד געװען נאָך אַ גליד פֿון דער קלײנער שארית־הפּליטה, װאָס האָט אין ייִדישן אונטערערד איבער־געלעבט היטלערס רײַך.

זײ איז שװער געװען זיך צו שײדן מיט די פֿון ערדישער פֿײַכט־קײט פֿאַרגעלטע בלעטער.

אין װילניוס איז געגרינדעט געװאָרן דער ייִדישער מוזײ פֿון אַלע אָפּגעראַטעװעטע ייִדישע ספֿרים, ביכער, בילדער, דאָקומענטן און כּתבֿ־ידן.

דער כּתבֿ־יד איז אָבער געװען דער אײנציקער ייִדישער מיט־חבֿר און עדות פֿון אַ צען חדשימדיקער הײל־עפּאָכע צװישן לעבן און טױט, װי אַ טײל פֿון דער עטינגען־משפּחה, איז ער פֿאַרבליבן מיט זײ.

אין לאָדזש איז געגרינדעט געװאָרן די היסטאָרישע קאָמיסיע — די עטינגענס האָבן דעם אָפּגעראַטעװעטן כּתבֿ־יד נישט אָפּגעגעבן. דאָס װאָס איז געװען אַ טײל פֿון זײער פּײַן איז געװאָרן אַ טײל פֿון זײער זײַן. דעם כּתבֿ־יד האָבן זײ אומעטום געפֿירט מיט זיך איבער אַלע זײערע לאַנגע װעלט־װאָגלענישן און װאַנדערונגען, און האָבן צו־זאַמען געגרײכט דעם זיכערן באָדן פֿון דער פֿרײַער אַמעריקע.

פּופֿצן יאָר זײַנען שױן אַדורכגעפֿלױגן זינט יענע טעג.

די משפּחה עטינגען איז שױן װײַט־װײַט אַװעק פֿון יענער שױ־דערלעכער הײל־עפּאָכע. זײערע קלײנע ייִנגלעך װאָס האָבן דורכגע־מאַכט די גרונט־שול פֿון ייִדישע לײדן, האָבן שױן פֿאַרענדיקט אַ הױך־שול און זײַנען בײדע בױ־אינזשעניערן פֿון זײער פֿרײַ און נײַ לעבן.

בלױז דער געטאָ כּתבֿ־יד איז געבליבן ליגן פֿאַרפֿאַקט אין אַלטן פּאַפּיר, אַ שטומער זכר פֿון בימים ההם.

װען לױט דער איניציאַטיװ פֿון דעם שרײַבער פֿון די שורות איז אין ניו־יאָרק אָפּגעמערקט געװאָרן דער 20־יאָריקער יובֿל פֿון דער שרײַבער־ און מאָלער־גרופּע „יונג־װילנע" זײַנען די עטינגענס געװען צװישן די פֿאַרזאַמלטע. װען דער שרײַבער פֿון די שורות האָט געלײענט די גרױסע יזכּור־רשימה פֿון די אומגעקומענע יונגע ייִדישע שרײַבער, מאָלער, מוזיקער און אַרטיסטן און דערמאָנט װעגן גרױסן און הײליקן חובֿ פֿון די לעבן־געבליבענע, אױפֿצוזאַמלען די צעזײטע און צעשפּרײטע ירושה פֿון די אומגעקומענע און זײ ברענגען

צום לעבעדיקן פאָלק, האָבן זיך די עטינגענס איבערגעקוקט. ביי זיי איז אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז עס איז געקומען די שעה, דער אָפּ־געראַטעוועטער כתב־יד זאָל ענדלעך באַקומען אַ תיקון.

אַזוי איז דער מאַנוסקריפּט אַריבער אין אונדזער רשות.

אָט ליגן פאַר מיר, די 114 פאַרשימלטע און פאַרשמוצטע זייט־לעך, מיט אַ פּראָוויזאָרישער הילע געצייכנט אויפן לינקן זייט פון י. צינבערגס „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן". און — די פינגער ציטערן אויף, ווי נאָר זיי קומען אין באַריר מיט די אַרומגעצופּטע בלעטער. בלעטער, וואָס טראָגט אויף זיך דעם זעלבן גראָען קאָליר, ווי דער זאַמד מיט יידישן אַש פאַרמישט אין ווילנער טויטנטאָל פּאָנאַר.

ווילנע, 22־טער יוני 1942.

היינט איז פונקט א יאר ווי ס'איז אויסגעבראכן
די דייטש־סאוועטישע קריג. אין יענעם טאג האט זיך
קיינער נישט פארגעשטעלט אז היינט וועלן מיר זיצן
פארשפארט אין איינע פיר פינף געסלאך, ארומגע־
צוימט מיט פאליציאן, מיט איין ארויסגאנג טויער.

די קלויסטער שפיצן פון אלע היליקע זיינען
די ערשטע עדות פון אונדזער [illegible] צום טאג־
טעגליכן לעבן. זיי האבן אויך געזען ווי מען האט
סטאדעסווייז אריינגעיאגט אהער, יידן יונג און אלט,
נישט געלאזט זיך רעכט ארומזען ווו מען איז,
און שוין געשלעפט צוריק.

הוהין?....

ווער ווייס צו מיר וועלן עס אמאל דערגיין.

דורכבלעטערנדיק אין זכרון דעם רעגיסטער פון
די וואס האבן מיט אונדז צוזאמען געארבעט אין
ווילנער יידישן מלוכה־טעאטער אין 1940־41,
פעלן צוואנציק....

- -

מ׳יש איך די אַש־בלעטער פון די גוילין נשרפין און אין די אותיות פורחות פלעמלט די אייביקע יידישע קדושה: מיר זיינען געווען דער קרבן און מיר זיינען דער עדות.

וואָס מער איך טונק זיך אין דעם אַש פון חורבן און אומקום, אַלץ מער פראַגן צינדן זיך אין די ברענענדיקע געהירן:

— ווער האָט דאָס פאַרשריבן די קינות לזכרון?

— ווער האָט אין די שווערע געטאָ־באַדינגונגען איבערגעשריבן די טויט־כראָניק אויף דער שרייב־מאַשין?

— ווער האָט דאָס מיט אַזוי פיל פיעטעט אויסגעכתיבהט אויף האַרטן טאָוול די נעמען פון די קדושים פאַר יעדן יזכור־קאַפּיטל?

***

דער כתב־יד שווייגט.

ער פאַרבאַהאַלט און פאַרמאַלינעוועט יעדן מין ידיעה, וועגן די צו יענער צייט אין געטאָ נאָך לעבנדיקע פריינד און חברים פון די אומגעבראַכטע. צו די מאָטיוון איז זיך ניט שווער צו דערטראַכטן: טאָמער דער כתב־יד פאַלט אַריין אין די הענט פון די מערדער, זאָלן קיינער פון די לעבעדיקע נישט דאַרפן באַצאָלן אַ צוגאָבלעכן שכר עונש.

די ענטפערס אויף די אַלע פראַגן האָבן מיר געמוזט זוכן אין אַנדערע צו אונדז דערגאַנגענע פאַרצייכענישן פון ווילנער געטאָ און זכרונות־ביכער פון די לעבן געבליבענע. אַ היפּשן טייל פון די פאַר־הוילענע ענטפערס איז אונדז געלונגען צו פונאַנדערדעשיפרירן.

די יזכור־כראָניק איז, ווייזט זיך אַרויס, געווען אַ טייל פון אַ גרע־סערן געזעלשאַפטלעך אויסגעפּלאַנירטער אַרבעט, וואָס האָט זיך גע־שטעלט פאַר אַ ציל צו פאַראייביקן די געטאָ־קדושים.

ווי נאָר עס איז געשאַפן געוואָרן די „פאַראייניקונג פון ליטעראַטן און קינסטלער אין ווילנער געטאָ״ (איר גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז געווען דעם 17־טן פעברואַר 1942), ווערט דער פּלאַן אַרויפגעשטעלט אויף איר סדר־היום.

א. סוצקעווער דערציילט אין זיינע געטאָ־זכרונות („ווילנער געטאָ״, פּאַריז, 1945): „אויסער די פאַרשיידענע הילפס־אויפגאַבן וואָס די פאַראייניקונג האָט זיך געשטעלט, לטובת אירע מיטגלידער, האָט זי באַשטימט צו זאַמלען די שאַפונגען פון די אומגעקומענע און אַרויס־געפירטע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער, צו באַאַרבעטן אַ כראָניק וועגן אַלע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער, וועלכע

די דייטשן האָבן דערמאָרדעט און צוגרייטן אַן אַלמאַנאַך פון די שאַ־פונגען אין געטאָ". (ז"ז 103).

די איניציאַטיוו פון דער שרייבער־ און קינסטלער־פאַראייניקונג אין געטאָ, איז באַזונדערס וואוילגעפעלן דעם יידן־עלטסטן יעקב גענס און מיט זיין הילף איז דער פּראָיעקט שפּעטער אויסגעברייטערט און אונטערשטיצט געוואָרן דורך די געטאָ־פאָנדן.

דער קדוש ז. קאַלמאַנאָוויטש פאַרצייכנט אין זיין געטאָ־טאָגבוך (איבערגעדרוקט אין די "ייווא בלעטער", נ"י, 1951, באַנד 35):

"דעם 26־טן יולי, 1942: די פאַרגאַנגענע וואָך, זיינען מענטשן פאַרבעטן געוואָרן צום [געטאָ] קאָמענדאַנט [י. גענס], צו באַטראַכטן אַ פּלאַן פון אויפשטעלן אַ מאָנומענט דעם געטאָ. מענטשן ווילן פאַר־בלייבן אין דער געשיכטע, זיי זיינען צו דעם באַרעכטיקט. עס ווערט [באַשלאָסן] צוזאַמענצושטעלן אַלבאָמען:

1) אַן אַלבאָם פון אַקטיאָרן. 2) אַן אַלבאָם פון שאַפונגען און 3) מען אָנאָנסירט פּרעמיעס פאַר פּאָעזיע, פּראָזע און דראַמע" (ז"ז 27).

פרייטיק, דעם 31־טן יולי 1942, פאַרצייכנט ז. קאַלמאַנאָוויטש ווייטער:

"אַ זיצונג פון קאָמיטעט פאַר דעם מוזיי פון געטאָ, און אויפצושטעלן אַ מאָנומענט פאַר געשעענישן און מענטשן.

אין קאָמיטעט זיינען געווען: יעקב גענס, הערמאַן קרוק, זעליק קאַל־מאַנאָוויטש, שבתי בליאַכער און נאָך אַ פאָר מיטגלידער" (ז"ז 28).

ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי אין זיין בוך זכרונות פון ווילנער געטאָ ("ירושלים ד'ליטא אין קאַמף און אומקום", פּאַריז, 1948), רעכנט אויס אַ גאַנצע ריי ווערק וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין געטאָ (ז"ז 255־257) און פאַרענדיקט מיט דער מיטטיילונג:

"עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ פאַרלאַג פון ווילנער געטאָ און יעקב גענס האָט באַפולמעכטיקט אויסצוצאָלן שרייבערס האָנאָראַר פאַר יעדן בויגן געשריבענע ווערק. מען האָט געהאָפט, אַז נאָך דער באַפרייאונג וועלן די אַלע ווערק דערשיינען אין פאַרלאַג פון ווילנער געטאָ".

אין דער רשימה שאַפונגען אין ווילנער געטאָ, דערמאָנט דוואָר־זשעצקי בלויז איין אַרבעט וועגן אומגעקומענע יידישע אַרטיסטן:

"דער אַרטיסט בליאַכער האָט געזאַמלט אַן אַלבאָם און דערצו אָפּהאַנדלונגען וועגן יעדן אומגעקומענעם אַרטיסט פון ווילנע" (ז"ז 256).

גענויער געפינען מיר פאַרצייכנט וועגן ש. בליאַכערס אַרבעט אין

ש. קאַטשערגינסקיס ווילנער יידישן געזעלשאַפטלעכן יזכור־לעקסי־קאָן („חורבן ווילנע", נ"י, 1947, ז"ז 221־222):

„שבתי בליאַכער — סעקרעטאַר פון דער פאַראייניקונג פון ליטע־ראַטן, קינסטלער און אַקטיאָרן אין ווילנער געטאָ, האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע בראָשור אונטערן נאָמען: „צוואַנציק און איינער", וועגן 20 יידישע אַקטיאָרן אין ווילנע וועמען די דייטשן האָבן אומגעבראַכט ביז 1942 און איינעם, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט אין געטאָ גופא".

אַזוי זעט אויס די פאַר־געשיכטע פון דעם אָפּגעראַטעוועטן כתב־יד.

קאָנפראָנטירן מיר די אַלע ידיעות צוזאַמען, ווערט קלאָר, אַז אָנגעהויבן שרייבן די אַרבעט האָט ש. בליאַכער ווי אַ טייל פון דער פּראָיעקטירטער אָנדענק־כראָניק וועגן די אומגעבראַכטע יידישע שריי־בער, קינסטלער, אַרטיסטן און וויסנשאַפטלער אין ווילנע. (אַרום מערץ־אַפּריל 1942). אָפּגעשלאָסן האָט ער דאָס, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דער קאָמיטעט אַוועקצושטעלן אַ מאָנומענט פאַר געטאָ־גע־שעענישן און מענטשן (יולי־אויגוסט 1942).

צוגעגרייט פאַרן פאַרלאַג פון ווילנער געטאָ איז דער מאַנוסקריפּט איבערגעשריבן געוואָרן אויף דער שרייב־מאַשין און אַ געטאָ־קינסט־לער האָט צוגעגרייט די קעפּלעך פאַר די קאַפּיטלעך וועגן יעדן אומ־געקומענעם (לויט דער סטיליזירטער פון פאָרם די אותיות „פאַרדעכ־טיקן" מיר, אַז דאָס איז געווען די קינסטלערין אומע אַלקעניצקי). [2]

אין סעפּטעמבער 1943, איז שוין דער מאַנוסקריפּט ווי אַ באַזונ־דערע אַרבעט, (מיט ש. בליאַכערס ווידמונג דער אין געטאָ אומגעע־קומענער מאַמען (דינה בת מנחם ע"ה), געווען גרייט צום דרוק, ווען עס האָט זיך פּלוצלונג אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ, און דער כתב־יד איז אַ דאַנק דעם פּאַליאַק ב. באַראַטינסקי אַריבער אין זיין גניזה־באַהעלטעניש פון יידישן גוף און יידישן גייסט.

***

צווישן אָפּגעראַטעוועטע דאָקומענטן און כתב־ידן פון ווילנער געטאָ אין ייוואָ (סוצקעווער־קאַטשערגינסקי זאַמלונג), געפינט זיך אַ נישט דאַטירטע רשימה: „אַרטיסטן צוגעקומענע פון כאַפּערס און אויף פאַנאַר פון ווילנער מלוכה־טעאַטער". די רשימה זעט אויס צו זיין אַן אינהאַלט אָדער אַ באַריכט פון ש. בליאַכערס כראָניק־פּראָיעקט. די דערמאָנטע 20 פּערזאָן אין דער רשימה זיינען פולקום אידענטיש מיט די 20 פּערזאָן אין בליאַכערס כראָניק. אין דער רשימה איז פאַראַן נאָך אַ קאַטעגאָריע אומגעקומענע אין זעלבן פּעריאָד:

„מיטגלידער פון אַדמיניסטראַטיוון און טעכנישן טעאַטער־פּער־סאָנאַל״, וואו ס׳ווערן אויסגערעכנט זיבן נעמען:

אומרו דוד — דירעקטאָר [3]

בארטענשטיין שלמה — זיין פאַרטרעטער [4]

טילעוויטש משה — פריזיער

לוניאַנסקי יהושע — שניידער [5]

ליבגאָלד ליבעלע — שניידערין

רודין הירש — מאַשיניסט

יפה משה — בילעטיאָר.

***

די האָפענונג פון די איניציאַטאָרן פון אָנדענק־פּראָיעקט און דער וואונטש פון פאַרשרייבער פון דער טויטן־כראָניק — ווערט ענדלעך דערפילט. דאָס צוגעגרייטע אָנדענק־כראָניק פאַרן פאַרלאַג פון ווילנער געטאָ, דערשיינט — אין 20 יאָר אַרום — אין די אָנדענק־אויסגאַבן פון „ווילנער פאַרלאַג״ אין ניו־יאָרק.

ליידער, האָט קיינער פון די איניציאַטאָרן צוזאַמען מיטן שרייבער נישט דערלעבט צו דעם מאָמענט.

מיר דרוקן דעם כתב־יד אָן שום ענדערונגען. ש. בליאַכערס גרייטער אַלבאָם מיט די בילדער פון די אומגעבראַכטע יידישע אַרטיסטן איז פאַרלאָרן געגאַנגען. מיר האָבן איינגעשלאָסן אַ צאָל בילדער פון די אומגעקומענע, וועלכע זיינען מעגלעך געווען אויסצוגעפינען, און באַצירט מיט די עמבלעמען און שטעמפּלען פון באַקאַנטע ווילנער יידישע טעאַטערן און טרופּעס.

אין אָנדענק פון טראַגיש אומגעקומענעם שרייבער פון דער געטאָ־כראָניק — שבתי בליאַכער האָבן מיר איינגעשלאָסן אויך זיין ביאָ־גראַפיע. [15]

לייזער ראַן

אידישער פראפעסיאנעלער ארטיסטן פאראיין אין פוילן
צענטראלע ווארשא.
אבטיילונג ....
№ ....

דעקלאראציע.

בײליגענדיג .... איינשרייב-געלט בעט איך מיר איינצושרייבן אלס מיטגליד,
און מייל וועגן זיך מיט פאלגענדע ידיעות:
נאמען און פאמיליע ....
פסעוודאנים ....
אדרעס ....
אריינגעטראטן אין טעאטער ....
געארבעט אין טעאטער ....
אלס ארבייט איך ....
אין (דראמע, אפערע, אפערעטקע, מיניאטור, פארס)
....
טאג .... חדש .... 1925 יאר

די תקנות פון פאראיין זיינען מיר באקאנט, און איך בין זיך מתחייב זיי אונטערצוווארפן, ווי אויך בעצאלן פ"צם פון מיין האנאראר און אנדערע מיטגלידס אבצאלונגען, לויט ווי עס איז בעשטימט.

אונטערשריפט ....
רעקאמענדירט דורך די מיטגלידער: { 1 .... 2 ....

איינטריטס-דעקלאַראַציע פון ש. בליאַכער אין יידישן פּראָפעסיאָנעלן אַרטיסטן פאַראיין אין פוילן, מערץ 1925. מיט די רעקאָמענדאַציע-אונטערשריפטן פון די אַרטיסטן א. קורץ און א. סאַמבערג.

דעם אנדענק
פון מיין פריצייטיק אין געטא
פארשטארבענער טאכטער
ד י נ ה די טאכטער פון ש ב ת י,
מיין ארבעט
מיט ליבע געווידמעט.

ש ב ת י.

ווילנע, 22־טער יוני 1942:

היינט איז פונקט אַ יאָר ווי ס׳איז אויסגעבראָכן דער דייטש־סאָוועטישער קריג. אין יענעם טאָג האָט זיך קיינער ניט פאַרגעשטעלט, אַז היינט וועלן מיר זיצן פאַרשפּאַרט אין ענגע פיר געסלעך, אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקאַן, מיט איין אַרויסגאַנג פון טויער.

די קלויסטער־שפּיצן פון אַלע הייליקע זיינען די ערשטע עדות פון אונדזער אויפקום צום טאָג־טעגלעכן לעבן. זיי האָבן אויך געזען ווי מען האָט סטאַדעסווייז אַריינגעיאָגט אַהער יידן, יונג און אַלט, נישט געלאָזט זיך רעכט אַרומזען וואו מען איז, און שוין געשלעפּט צוריק.

וואוהין?

ווער ווייס צי מיר וועלן עס אַמאָל דערגיין.

דורכבלעטערנדיק אין זכרון דעם רייסטער פון די וואָס האָבן מיט אונדז צוזאַמען געאַרבעט אין ווילנער יידישן מלוכה־טעאַטער אין 1940־41, פעלן צוואַנציק.

דער חורבן האָט זיך פּאַקטיש אָנגעהויבן דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, מיטן אויסברוך פון דער דייטש־פּוילישער מלחמה.

גלייך אין די ערשטע מלחמהדיקע טעג איז אין וואַרשע פאַרברענט געוואָרן פון די אַראָפּגעוואָרפענע באָמבעס אויף דער ביעלאַנסקע גאַס, דער נאָוואָטששי טעאַטער. מיטן רויך זיינען אַוועק די פּרעכטיקע אויסשטאַטונגען פון די באַנייטע אין דעם טעאַטער דורכן „וויקט״ (וואַרשעווער יידישער קונסט־טעאַטער) גאָלדפאַדענישע אָפּערעטעס, „שולמית״ און „בר־כוכבא״.

באַרשטומט איז געוואָרן „שולמית״, „פּאַפּוס״ האָט אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען איבער דער וועלט.

אין יענע טעג איז פון אַ באָמבע געהרגעט געוואָרן אויף זיין געלעגער דער טאַלאַנטפולער אַרטיסט, לאַנגיאָריקער מיטגליד פון דער ווילנער טרופּע, — דער צוויי און פערציק יאָריקער דניאל שאַפּירא.

אַקטיאָרן האָבן פון שטאָט און שטעטל גענומען לויפן צו זייערע משפחות.

דער לאָקאַל פון יידישן אַרטיסטן פאַראיין אין וואַרשע אויף לעשנאָ 2, וועלכער האָט שטענדיק געשוויבלט פון אַרבעטסלאָזע און דורכפאָרנדיקע אַקטיאָרן, איז מיט אַ מאָל פוסט געוואָרן.

די יונגע זיינען אין מיליטער אַריינגעצויגן געוואָרן, עלטערע זיינען צו משפחות אַוועק.

ביי אַ פענצטער איז געבליבן זיצן דער יידישער אַקטיאָר קוטנער. מיט אַ צייטונג אין האַנט האָט ער געוואַרט — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — אויף דער גאולה אָדער — אויף אַ באָמבע.

אין דער קאַנצעלאַריע האָט מען פאַפּירן פאַרברענט.

די געשיכטע פון 20 יאָר פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער איז אָפּגעווישט געוואָרן במשך פון אַ פּאָר שעה.

אין יענער גרויליקער נאַכט פון סעפּטעמבער, ווען איך האָב זיך אויפן ווילנער וואָקזאַל אין וואַרשע מיט כוח אַריינגעריסן אין צוג וואַרשע־ווילנע האָט זיך קיינער ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז די פּאָר יאָר 1939־1941, זיינען נאָר אַן אָטעם־פּויזע, אַ לייכטער פאָרשפּיל צו דעם וואָס מיר וועלן נאָך דאַרפן אַדורכמאַכן פון יוני 1941 און ווייטער.

ווי אַ חלום איז אַוועק ווילנע־ראַטנפאַרבאַנד, ווילנע־ליטע און צוריק ראַטנפאַרבאַנד. און ווייטער די „גליקלעכע ליטע״, מיט אירע „נאָבעלע״ ליטווינער, וועלכע האָבן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן געהאָלפן אויסראָטן דאָס בעסטע און דאָס שענסטע וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט.

מיר, די יידישע שוישפּילער, וואָס האָבן זיך אין 1941 געפונען אין ווילנע האָבן, ווי ס׳האָט זיך אונדז געדאַכט, פליגל געקראָגן. מען האָט פאַר אונדז אָנגעהויבן צו זאָרגן. און מיר האָבן פאַר אָט דער פרייער זאָרג, צוריקגעצאָלט מיט דאָס בעסטע וואָס מיר האָבן געקענט געבן.

געגלויבט האָבן די אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך אין 1941 געפונען אין ווילנע, קאָנצענטרירט אין מלוכה־טעאַטער אויף קאָנסקע, אַז — זיי זיינען געוואָרן אויסגעלייזט. ס׳פאַלט אָפּ די ברויט־פראַגע און

זייענדיק פאַרזאָרגט מאַטעריעל, וועלן זיי זיך קענען דורכאויס פאַר־נעמען מיט פאַרשענערן און פאַרבעסערן דאָס טעאַטער.

מיט ברען און מוט, מיט ליב און לעבן האָט מען דורך נאַכט און טאָג אויסגעהאַמערט געשטאַלטן, אויסגעבויט פאַרשטעלונגען.

פון שעה איז אונדזער טעאַטער געוואַקסן.

די הערלאַישע פּראָלעטאַרישע געשטאַלטן פון דער אַלטער ווילנע האָבן ביי אונדז אין טעאַטער זייער תיקון באַקומען.

„הירש לעקערט" פון ראָנע פּאַליע, און די פינף קאָמונאַרן („יוליוס") פון זאַרעטשער בית־עולם, זיינען תחית־המתים אויפגעשטאַנען, אויף קאָנסקע (וואו דער טעאַטער איז געווען) זיינען געקומען די יידישע אַרבעטער פון דער שטאָט ווילנע.

דאָס האַרץ איז פאַר פרייד געוואַקסן.

פון אַלע זייטן זיינען צו אונדז בריוו פון חברים געקומען : מיר ווילן צו אייך.

די אַלע וועלכע האָבן אונדז נוצן געקענט ברענגען אין אונדזער שעפערישער אַרבעט, פאַר זיי איז די טיר פון אונדזער טעאַטער געשטאַנען אָפן.

מיר האָבן מיט פרייד און ליבע געהאָדעוועט אונדזער קינד — דעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין ווילנע.

און ווען די טענער פון שלום־עליכמס „200.000" (לעצטע פּרע־מיערע אין מלוכה־טעאַטער) האָבן נאָך ניט באַוויזן אַנטשטומט צו ווערן, האָבן שוין די דעטאָנאַציעס פון די סטוקאַס־באָמבעס אויסגע־האַקט די שויבן אין דער געביידע פון „אונדזער טעאַטער".

דער פאַרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און די אַקטיאָרן האָבן צו־זאַמען מיט אַלע יידן אָנגעהויבן דעם טרויעריקסטן שוישפּיל פון אונדזער צייט — „די יידן־פאַרניכטונג".

אַ סך זיינען געלאָפן, אַ טייל האָבן זיך אומגעקערט.

די וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט, ווער ווייס צי זיי זיינען דערלאָפן ? אויב נישט... וועט אויף זייער קבר קיין טרער שוין ניט פאַלן... ס'ווילט זיך אַזוי גלויבן, אַז זיי זיינען ערגעץ פאַראַן.

מיר האָבן געזען דעם טויט פאַר די אויגן.

מיר, וואָס האָבן געזען, ווי מען האָט אונדזערע שוועסטער, ברידער, טאַטעס־מאַמעס און קינדער, יידן, — אומשולדיקע יידן — סטאַדעס־ווייז געפירט צו דער עקדה, האָבן שוין די מורא און שרעק פאַרלאָרן.

מיר האָבן איין געווער — גלויבן. מיטן גלויבן לעבן מיר און מיט אים וועלן מיר דעם קאָשמאַר, וועלכער וועט סוף־כל־סוף אַריבער — אַריבערלעבן.

דערמאָנען מיר טאַקע ניט די, וואָס זיינען פון שטאָט אַרויס פאַרן חורבן יידיש־ווילנע.

מיר פאַרצייכענען מיט בלוט און טרערן, נאָר די, וועלכע זיינען פאַר אונדזערע אויגן פון אונדז אַוועקגענומען געוואָרן.

— אפשר? ווער ווייס? וועלן מיר וועמען פון די, נאָך אויך אַמאָל טרעפן . . .

ס׳וועט פרייד און טרויער זיין אין יעדן הויז.

היינט, פאַרשפּאַרטע, פאַרצוימטע, מיט האָפענונג אין האַרצן שרייבן מיר די שורות.

די צוואַנציק וועלן מיר דערמאָנען. דעם עלטסטן קומט דער אויבן־אָן.



פּ אָ נ אַ ר

לייב שריפּטזעצער

— „אַ קאָמיקער פון גאָטס גנאָד. שלום־עליכמס מנחם־מענדל האָט אין אים זיין תיקון געפונען. טויזנטער האָבן פון זיין וויץ געלאַכט" — אַזוי האָבן צייטונגען געשריבן וועגן שריפּטזעצערן [7].
„דער קעניג פון הומאָר" — אַזוי האָט ער זיך אַליין געקרוינט.

„לאַכן איז געזונט —
דאָקטוירים הייסן לאַכן!"
שלום־עליכם

ג. ה.

לייב שריפּטזעצער

וויל האָבן דעם כבוד אייך צו זען אויף זיינע אָוונטן
פון קלאַסישן הומאָר

„פון געלעכטער ביז טרערן",

וועלכע קומען פאָר פרייטאָג, שבת און זונטאָג
(1־טן, 2־טן און 3־טן יאַנואַר 1937 יאָר)
אין ־אונדזער טעאַטער־ (נאָוואָגראָד, 8)

נייע פּראָגראַם!

די בעסטע שאַפונגען פון אונזערע קלאַסיקער־הומאָריסטן!

אימפּרעסאַריאָ.

(פּ. ס. שבת בייטאָג—צו ביליגע פרייזן).

לייב שריפּטזעצער אין דער ראָל ר' אשר'ל דער לאַנד־שדכן פון יהופּיץ.

מנחם־מענדל פּליט מיט פּראָפעסאָר פּיקאַר צו דער סטראַטאָספערע זוכן פּרנסה—פּאַראָדיע פון ליזער וואָלף.

געבוירן אין ניעסוויעזש, דעם 31־טן יולי, 1886. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע און אַ וועלטלעכע דערציאונג. שפּעטער אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע, וואו געלערנט זיך בוכהאַלטעריע און איינצייטיק געאַרבעט אין דער דרוקעריי פון שריפּטזעצער און ראָזענקראַנץ.

שריפּטזעצער, דער בחור הזעצער, האָט אין 1905 פּלוצלונג דערפילט אין זיך אַ נייעם טאַלאַנט. ער האָט אָנגעהויבן פאַרצולייענען און שפּילן שלום־עליכמען אין אַמאַטאָרן־קרייזן. גלייך האָט מען אים פון פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערן באַמערקט און פון אותיות־קאַסטן אַוועקגענומען.

אָנגעהויבן פּראָפעסיאָנעל צו שפּילן האָט ער ביים באַוואוסטן טעאַטער־דירעקטאָר מישע נעמזער, אין 1906.

פון דאַן אָן האָט שריפטזעצער געשפּילט אין אַלע בעסערע יידישע טעאַטערן.

געווען אין איינער פון די ערשטע ליטעראַרישע טרופּעס — אין דער פּרץ הירשביין־טרופּע. אַרומגעפאָרן לאַנגע יאָרן מיט רודאָלף זאַסלאַווסקי, מיט אסתר רחל קאַמינסקאַ.

שפּעטער, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, געווען איינער פון די גרינדער און אָנפירער פון כאַרקאָווער „אונדזער ווינקל".

אין 1922 קומט ער פון רוסלאַנד צוריק אין זיין היים־שטאָט ווילנע. טרעט אויף מיט אייגענע שלום־עליכמשע אָוונטן.

קומט אַ גוטער דראַמאַטישער טעאַטער, פאַרנעמט שטענדיק שריפטזעצער אין אים אַ בכבודיקן אָרט. ער שפּילט מיט מאָרעווסקין די ראָל פון „גאַרף מאָנטשיני" אין לעאָניד אַנדרעיעווס „דער וואָס קריגט די פּעטש". דעם סופלאָר „סאָלאָמאָן" אין דיומאַס „קין". פירט אַליין אויף גאָלדאָניס „האָטעל־ווירטין".

ער באַזעצט זיך אין ווילנע. אָרדנט איין דאָ פאַר זיך מיט זיין משפחה אַ שיינע, באַלעבאַטישע היים אויף טראָקער 8 וו. 2. זיינע צוויי קינדער האָט ער געגעבן אַ לייטישע דערציאונג. זיין טאָכטער האָט ער אַחוץ אַלגעמיינע בילדונג געשיקט אין מוזיקאַלישן אינסטיטוט זיך לערנען פּיאַנאָ־שפּילן.

זיין 19־יאָריקע חיהלע איז שוין געווען אַ גוטע פּיאַניסטין.

אַ באַזונדערע ליבע האָט שריפטזעצער אַרויסגעוויזן צו זיין 14־יאָריקן אַבראַשע, וועלכער האָט שלעכט גערעדט און געהערט. ער פלעגט זיך מיט אים אָפּגעבן ווי מיט אַ קליין קינד.

זיך אַליין האָט ער שטאַרק אָפּגעהיט.

אויפשטיין פלעגט שריפטזעצער אַ זייגער 6־7 פרי, מאַכן אַ ביסל גימנאַסטיק, וואַשן זיך מיט אייז־קאַלטן וואַסער. שפּעטער איינרייבן די ברוסט מיט אָדעקאָלאָן. אָפּעסן אַ גוטן פרישטיק, פלעגט ער זיך נעמען צו די פרימאָרגן־צייטונגען, וועלכע ער פלעגט באַקומען בחינם אַריינגעשיקט אין שטוב. (פון זיינע חברים די זעצער).

אָפּגעלייענט פלעגט ער זיך נעמען לערנען זיינע ראָלן. הויך אויפן קול האָט ער יעדן וואָרט איבערגעחזרט ביז ער פלעגט יעדעס וואָרט קענען אויף אויסווייניק. נאָכן לערנען פלעגט ער זיינע מלבושים און שיך גוט אויסבערשטלען און זיך אַוועקלאָזן אויף שפּאַציר. נאָכן שפּאַציר — אויף פּראָבע אין טעאַטער. דאַן צו זיך אַהיים צו אַ געשמאַקן מיטאָג אַמאָל נאָך מיט אַ גלעזעלע ווישניאַק, איבערהויפּט נאָך ווען אימיצער פלעגט זיין ביי אים צו גאַסט. דאַן פלעגט ער הויך אויפן קול אין קיך אַריינשרייען: — שעפּסינקע (אַזוי פלעגט ער זיין ווייב

ריפן), זיי אַזוי פריינדלעך, אַ גלעזעלע ווישניאַק און אַ שטיקעלע שלייען צום טיש, מיר האָבן אַ גאַסט.

אָפּגעגעסן, פלעגט ער זיך אויסטאָן און אין בעט אַריין.

אַ נאָכמיטאָג־דרעמל, פלעגט ער זאָגן, איז ווי אַ פעט גלעזעלע ביר.

נאָכן שלאָפן — איבערכאַפּן דאָס האַרץ און אין טעאַטער אַריין. זעלטן פלעגט ער, ווי די אַנדערע אַקטיאָרן, זיך אַריינכאַפּן נאָך דער פאָרשטעלונג אין אַ רעסטאָראַן.

אָפּגעשפּילט און אַהיים געגאַנגען, אַזוי האָט ער זיך געפירט.

פלעגט ער אַרויספאָרן מיט אַ טרופּע אין וועג, פלעגן די ערשטע וויזיטן זיינע זיין אויף דער פּאָסט, כדי פון די ערשטע פאַרדינסטן קודם שיקן אַ געלט־איבערוויזונג אַהיים.

עס דערמאָנט זיך וועגן שריפטזעצערן פאַרשיידענע טשיקאַווע פּאַסירונגען:

אין סטאַניסלעוו, זייענדיק אַמאָל אין טורנע צוזאַמען מיט זאַס־לאַווסקין, זיינען ביי דער טרופּע געווען זייער שלעכטע געשעפטן. נישט געווען ממש אויף אַ מיטאָג. שריפטזעצער, וועלכער איז געווען זייער אַ ציכטיקער, האָט קודם געדאַרפט האָבן געלט אויף אַ באָד. האָט ער מיט נאָך 2 שווישפּילער צונויפגעלייגט זייערע קאַפּיטאַלן און צונויפגעשטעלט אַ „בודזשעט": 3 בילעטן אין דער טערקישער באָד, אַ קילאָ ברויט, 10 דעקאָ וואורשט און אַ פלאַש ביר אויף צו פאַרטרינקען נאָך דעם מרחץ.

האָט מען דאָס עסן מיט דער פלאַש ביר אַריינגעלייגט אין קאַסטן מיט די בגדים און אַליין אַרויף אויף די העכסטע בענק כאַפּן אַ שוויץ.

דאָס ביר האָט זיך דערווייל אין קאַסטן צעוואַרעמט און אויפ־געריסן די פלאַש, באַגאָסן די בגדים און קאַליע געמאַכט מיט דעם גלאָז דאָס עסן. אַזוי אַז נאָך דער באָד האָבן זיי געמוזט גיין כאַפּן אַ דרעמל כדי צו שטילן דעם נאָגנדיקן הונגער.

אַזעלכע עפּיזאָדן זיינען אָבער ביי שריפטזעצערן געווען זעלטן. מערסטנטייל האָט ער גוט פאַרדינט.

און פלעגט ער מיט אַ טרופּע נישט טרעפן, איז פאַרפאַקט די וואַליזעס, גענומען זיינע באַליבטע שלום־עליכם־כתבים אונטערן אָרעם און היידאַ — מנחם מענדל אין וואַיאַזש: לייענען איבער שטאָט און דאָרף.

„אָוונטן פון יידישן הומאָר" — פלעגט ער אָנרופן זיינע אייגענע אויפטריטן — פון אַרטיסט־הומאָריסט לייב שריפטזעצער (פון ווילנע) דער בעסטער אינטערפּרעטאַטאָר פון יידישן קלאַסישן הומאָר.

„דער קיניג פון הומאָר" האָט אַמאָל אין שטעטל סווער ביי ווילנע

געלייענט אין אַ שטאָל אויף אַ וואָגן, אָבער חיונה פאַר זיינע בני־בית, אויף אַ פּאָר וואָכן געבראַכט.

אין 1940 האָט מען אין ווילנע געפייערט זיין 35־יאָריקן יובל. ווילנע האָט אים זיין פאַרדינטן כבוד אָפּגעגעבן.

מיט גרינדן פון מלוכה־טעאַטער איז ער אין אים געוואָרן דער ערשטער שוישפּילער. געשפּילט פאַן־וואַלן אין „הירש לעקערט״; הערשעלע אָסטראָפּאָליער; „סאָלאָווייטשיקן״ אין „200.000״ און אַנדערע קאָמישע געשטאַלטן.

דעם עולם זיינעם האָט ער ווי שטענדיק פאַרווילט און געמאַכט צום לאַכן.

שריפטזעצער האָט אין יענע טעג באַדויערט, וואָס ער איז אַמאָל מיט יאָרן צוריק אַוועק פון כאַרקאָוו, ער וואָלט שוין איצט אַ פאַר־דינסטפולער אַרטיסט געווען.

אָבער וואָס ס׳דאַרף קומען, קען ניט אויסגעמיטן ווערן.

— נישקשה, מיר וועלן עס איצט אָניאָגן.

און מיט נאָך מער חשק פלעגט ער זיך נעמען צו זיינע ראָלן. שלייפן די געשטאַלטן, פאַרטיפן זיך אין זיי, מיט התמדה האָט ער זיינע וויצן, זיינע טענער געפּאָלירט.

בריט געשמייכלט האָט דאָס קיילעכדיקע שריפטזעצערישע געזיכט.

דערלעבט נחת אויף דער עלטער, מער וועט ער איבער שטעטלעך ניט דאַרפן פאָרן. די רעגירונג זאָרגט פאַר אים און פאַר זיינע קינדער, איצט האָט ער אַ רואיקן קאָפּ — און מיר וועלן נאָך אַ לעבטאָן... מיר זיינען מיט לייטן גלייך, האַ, אַבראַשינקע?

און דער זון מיינענדיק, אַז ער פרעגט ביי אים מבינות וועגן זיך, פלעגט אים זאָגן:

— פּאַפּאַ איז אַ גוטער קאָמיק, נאָך בעסער פאַר פּאַטאַשאָן...

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה האָט זיך תיכף אַלץ געענדערט. שריפטזעצער איז גלייך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טראַגישער פיגור. דורך נאַכט איז ער גראָ און אַלט געוואָרן. מורא געהאַט פון זיין שטוב אַרויסצוגיין.

און האָט ער זיך שוין מיט עמעצנס הילף, דורך הינטערגעסלעך דערשלעפּט צום ערשטן יודנראַט אויף סטראַשון גאַס 6, איז ער דאָרטן צווישן די פוסטע קראָמען געבליבן נעכטיקן, כדי ניט דאַרפן צוריק אַהיים צו גיין.

ווען עס האָט זיך אים ענדלעך איינגעגעבן איינצואָרדענען אויף אַרבעט אין די שישקינער בערג, ביים איבערקלייבן אַמוניציע, איז ער אַ ביסל הייטערער געוואָרן, געקומען צו זיך, דאָך האָט ער אויף

אַלע אַרומיקע יידן אַזאַ מוראדיקן איינדרוק געמאַכט, אַז איינמאָל האָבן זיי פּאַר אים צונויפגעמאַכן געוואַלט, גלייבנדיק אַז ער הונגערט.

אין די טויערן פון געטאָ האָט מען אים מיט זיין משפחה אַריינגעפירט שוין אַ זקן. פּאַר אַ ווינטל האָט ער מורא געהאַט. אַרומגעלאָפן צו באַקאַנטע, צו זיינע אַמאָליקע פאַרערער, מען זאָל אים העלפן קריגן אַ שיין, כדי צו זיכערן מיט דער משפחה דאָס לעבן. ס׳האָט זיך אָבער גאָרניט געלאָזט מאַכן. אין יענעם ווירוואַר האָט איינער וועגן אַנדערן ניט געטראַכט נאָר וועגן זיך, וועגן אייגענעם נפש. ווען איז געלעגן אין זינען, אַז דאָ אין געטאָ גייט אַרום דער עלטסטער, פאַרדינסטפולער יידישער קאָמיקער, און בעט מען זאָל אים ראַטעווען...

ער האָט קיין געלן שיין ניט געקראָגן.

און ווען די גליקלעכע מיט די געלע שיינען האָבן פון געטאָ אַרויסמאַרשירט מיט זייערע משפחות אין זייערע אַרבעטס־איינהייטן, כדי מען זאָל פון געטאָ די איבערגעבליבענע קענען צונעמען, איז ביים טויער געשטאַנען אַן איינגעהויקערטער לייב שריפטזעצער און געזוכט: — אפשר?

חברים זיינען צו אים צוגעגאַנגען, געבעטן ער זאָל זיך גיין באַהאַלטן, ס׳וועט אַריבער די בהלה, וועט מען זען עפּעס צו טאָן, איז ער אַוועק זיך באַהאַלטן.

אָבער די נערוון האָבן ניט אויסגעהאַלטן. און אַליין פון דער „מאַלינע״־באַהעלטעניש אַרויסגעקראָכן... ס׳האָבן אים די באַוואָפנטע ליטווינער באַמערקט...

מיט זיין געליבטער ווייב און קינדער, שוין ניט קיין מנחם מענדל, נאָר ווי אַ „טביה״ נאָכן פּאָגראָם, אַוועק אין לוקישקער טורמע. דאָרט האָט דער קעניג פון הומאָר — שריפטזעצער, געזאָגט צום דירעקטאָר פון ווילנער יידישן טעאַטער משה קאַרפינאָוויטש: געדענקסטו, משה, ווי איך פלעג אין דיר אריינטענהן, אַז מיט דיינע וועגן וועסטן שטאַרבן אונטער אַ פּאַרקאַן. אָבער איך? איך? מיין אַבראַשינקע, מיין חיהלע, און אַצינד? האַ, וואָס זאָגסטו, משה?

און אויפשטעלנדיק דעם קאָלנער פון זיין האַרבסט־מאַנטל האָט ער גענומען קאַרפינאָוויטשן אונטערן האַנט און ביידע האָבן זיי געמאַכט מיט זייערע משפחות זייער לעצטן שפּאַציר צום נייסטן און גרעסטן ווילנער בית־עולם — צו פּאָנאַר.

פראַניע װינטער

די פרוי פון אַנגעזעגעם סוחר יצחק פּונסקי. אַ באַחנט יידיש װייבל. אַ גאַסטפרײַנדלעכע. אין פרייער צייט אַ זאַק און שפּינדל אין האַנט, אַ שמייכל אויפן פּנים — אַזוי איז זי געװען אין פּריוואַטן לעבן.

ס׳וואָלט קיינער ניט געזאָגט, אַז די דאָזיקע סאָלידע פרוי, שוין מיט אַ ביסל אַש־קאָליר אין די האָר, איז די באַליבטע און טאַלאַנטירטע שוישפּילערין פּראַניע װינטער *).

פּראַניע װינטער

פריידל ראָזענראַט, געבוירן אין דער וואַרשעווער פאָרשטאָט פּראַגע, אין 1896. די טאָכטער פון אומ־פאַרמעגלעכע חסידישע עלטערן. דער פאָטער איז לאַנגע יאָרן בלינד געווען, שטענדיק געשטיצט געוואָרן דורך די קינדער.

אַ שיין פּנימל מיט אַ זיס שטי־מעלע האָט זי געהאַט. האָט זי פּוילישע לידלעך געזונגען, און כדי צו העלפן אירע עלטערן הייבט זי אָן אויפצוטרעטן אין קאַבאַרעטן און רעוויו־טעאַטערלעך. אין 1917 זינגט זי אין קאַלישער זומער־טעאַטער. פון דאָרט פאָרט זי קיין מינסק, וואו עס פאַרליבט זיך אין איר אַ קריסט. זי ווענדט זיך דאַן צום יידישן טעאַטער־דירעקטאָר נחום ליפּאָווסקי, ער זאָל איר העלפן זיך באַ־פרייען פון איר פאַרפאָלגער. ליפּאָווסקי דראָט דעם קריסט, אַז ער וועט אים אָנקלאָגן אין פאַרפירן מינדעריעריקע, און דער קריסט לאָזט זי צורו.

ווען ווילנע ווערט אָנגעשלאָסן צו פּוילן, ברענגט איר דער דירעק־טאָר פון פּוילישן מיניאַטור־טעאַטער ראַדין, (דער פאָטער פון דער שוי־שפּילערין נאַדיע ראַדינאַ), קיין ווילנע. זי טרעט אויף אין זיין טעאַ־

טער אויף מיצקעוויטש גאַס. שפּעטער ביי שטרעמערן (אויף ברייטע 44), אונטער דער דירעקציע פון יעקב פייגענבערג. צוזאַמען מיט איר טרעט אויך אויף דער אַרטיסט סטאַלסקי (שפּעטער דער באַוואוסטער אַרטיסט שמואל לאַנדוי).

נחום ליפּאָווסקי האָט איר פון דער פּוילישער בינע אַריבערגענומען אויף דער יידישער.

איר ערשטער אויפטריט איז געווען אין טעאַטער „פילהאַרמאָניע" (אויף נאָוויגראָד 8), אין דער פּיעסע „איר יידיש לעבן".

זי האָט גלייך אָנגעהויבן שפּילן סוברעטינס און פּרימאַדאָנעס, פון „סילווא" אין קאַלמאַנס „טשאַרדאַש־פירשטין", ביז אין דער יידישער אָפּערעטע „יאַנקעלע", וואו זי שפּילט אַ יידישן חדר־ייִנגל. אומעטום האָט פּראַניע ווינטער גרויס דערפּאָלג געהאַט.

אין 1923 פאַרליבט זיך אין איר און האָט מיט איר חתונה יצחק פונסקי. זי שפּילט שוין דאַן „מערי" אין שלום אַשס „מאָטקע גנב", צוזאַמען מיטן גאַסטראָלירנדיקן אין ווילנע יידישן אַרטיסט אייזיק סאַמבערג.

אין 1925 איז זי אַ מיטגליד פון דראַמאַטישן טעאַטער אין ווילנער שטאָט־זאַל צוזאַמען מיט זיגמונד טורקאָוו, אידאַ קאַמינסקאַ און אַנדערע.

דער ערשטער וועלכער האָט אין דער יידישער פּרעסע געשריבן וועגן פּראַניע ווינטערן איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „ווילנער טאָג" — זלמן רייזען.

אין 1927 ווערט זי אַנגאַזשירט אין ריגער „נייעם יידישן טעאַטער", וואו זי שפּילט אין משך פון 3 יאָר צייט די הויפּט־ראָלן פון אַלע מוזיקאַלישע קאָמעדיעס.

צוריקקומענדיק אין פּוילן, פאָרט זי אַרויס אין 1931 אין אַ טורנע אַלס פּאַרטנערין פון רודאָלף זאַסלאַווסקי.

צווישן אַנדערע ראָלן האָט זי געשפּילט מיט אים „רחלע" אין שלום־עליכמס „סטעמפּעניו", און פּונקט ווי רחלע ביי שלום־עליכמען מאַכט זי דאָ דורך איינע פון אירע גרעסטע לעבנס־טראַגעדיעס. זי פאַרליבט זיך אין זאַסלאַווסקין און ווערט פון דער טרופּע אין צייט פון אַ פאָרשטעלונג אין קראָקע, בגוואַלד אַוועקגעפירט פון איר מאַן.

שפּעטער גאַסטראָלירט זי מיט אַליאַשאַ שטיין אין ליטע. טרעט אויף אין וואַרשע צוזאַמען מיט שלמה קוטנערן. מאַכט דורך אַ טורנע איבער פּוילן צוזאַמען מיטן אַמעריקאַנער אַרטיסט פּסחקע בורשטיין, טרעט אַריין אין מאָריס שוואַרץ אַנסאַמבל, וואו זי שאַפט די פּרעכטיקע געשטאַלט פון „צביה" אין זינגערס „יאָשע קאַלב".

אין דער צייט פון ווילנע־ליטע 1940, איז ווינטער אַ מיטגליד פון קליין־קונסט טעאַטער „רעמיקאָט".

מיטן אַנטשטיין פון ווילנער מלוכה־טעאַטער ווערט זי אַן אַב־געזעענער מיטגליד פון דעם קאָלעקטיוו.

שטאַרק צופרידן אין מלוכה־טעאַטער איז זי ניט געווען. זי האָט ניט באַמערקט ווי זי איז פאַר די יאָרן עלטער געוואָרן און ווען מען האָט איר מער ניט געוואָלט געבן קיין יונגע ראָלן צו שפּילן, האָט זי געמיינט, אַז מען שיקאַנירט איר. חוץ דעם זיינען אונטערגעוואַקסן יינגערע חברים, וועלכע די אָנפירונג האָט פאַר זייער נוצלעכקייט אויסגעגליכט אין געהאַלט מיט די עלטערע חברים שוישפּילער.

דאָך האָט זי אויך אין דעם טעאַטער באַוויזן צו שאַפן אייניקע גוטע געשטאַלטן.

באַזונדערס האָט זי זיך אויסגעצייכנט אין דער מאַמע „אסתר־קע" אין דאַניעלס „יוליס" און אין דער לעצטער אויפפירונג פון מלוכה־טעאַטער אין „עטי־מעני" אין שלום־עליכמס „200.000".

פראַניע ווינטער איז געווען אַ גוטער מענטש און אַן איבערגעגע־בענער חבר. האָט זיך נאָר עמעצער זיך אין וואָס געגויטיקט פלעגט זי שטענדיק בשתיקה די נויטבאַדערפטיקע הילף אַנטקעגנגעטראָגן. איר הויז אויף אָסטראָבראָם־גאַס 8, איז געווען אַן אָפן הויז פאַר יעדן.

אין פרייע אָוונטן פלעגן זיך דאָרט אַקטיאָרן צוזאַמענקלייבן, שמועסן, לאָטאָ שפּילן. אַמאָל אויך געזאַנג־פּראָבן מאַכן. דערביי, איז שטענדיק דער טיש געווען געדעקט און קיינער איז קיינמאָל פון איר שטוב הונגעריק ניט אַרויס.

שוין ניט ריידנדיק וועגן איר אייגענער משפּחה, פאַר וועמען זי איז ווי אַ מאַמע געווען. זי פלעגט זיך מיט זיי פון דעם לעצטן טיילן. זי האָט צו זיך פון וואַרשע, כדי אירע עלטערן צו פאַרלייכטערן, אַראָפּגעבראַכט קיין ווילנע איר יינגערע שוועסטער רחלע. אויסגע־האָדוועט און חתונה געמאַכט פאַר איר מאַנס אַ ברודער. ווען איר שוועסטער האָט אַ מיידעלע געבוירן, האָט איר פראַניע געהאָדוועט מיט ליבע און צערטלעכקייט דאָס קינד איז טאַקע געווען צוגעבונדן צו איר מער ווי צו דער מאַמען. זי פלעגט פאַרן קינד קליידעלעך נייען, זעקעלעך שטריקן, וואַשן עס און קאַמען.

די קינדערלאָזע פראַניע האָט איר גאַנצע מוטער־ליבע איבער־געטראָגן אויף איר שוועסטערס באַשעלען.

שפּעטער, ווען איר שוועסטער מיט איר מאַן זיינען אַריבערגע־פאָרן קיין וואַרשע, האָט פראַניע אַהין געשיקט רעגולער געלט, פּראָדוקטן און בגדים פאַרן קינד און פאַר זיי.

אַזוי איז זיך געגאַנגען דאָס לעבן פון פראַניע ווינטער.

פון בערנאַרדינער גאָרטן, וואו זי האָט אין אירע פּריסטע יאָרן געזונגען פּוילישע לידער אין הוזאַרן־קאָסטיום, און ווען איינמאָל

האָט זי געפּרואווט אַ יידיש לידל זינגען, האָבן זיך פּוילישע מיליטער־לייט צו איר געוואָרפן און איר געצוואונגען פּויליש צו זינגען — ביז די הויפּט־העלדינס אין יידישן און איראָפּעאישן דראַמאַטישן רעפּער־טואַר האָט פראַניע אַדורכגעמאַכט.

מיט עקשנותדיקן ווילן און אויסדויער פלעגט זי אירע סצענישע געשטאַלטן אויספורעמען.

פאַר אירע אַרבעטס־פעאיקייטן און באַשיידנקייט, האָבן אַלע מיטאַרבעטער איר שטאַרק ליב געהאַט.

אַ סך סצענישע געשטאַלטן און כאַראַקטערן, וועלכע זיינען איר ביים אָנהייב, ביים באַקומען די ראָל אין טעאַטער, ניט געגאַנגען אָדער שווער אָנגעקומען האָט זי מיט געדולד און אויסדויער באַקעמפט און בייגעקומען. געאַרבעט פונקט ווי אַ שילערין, יעדן וואָרט צעקייט. געשטאַנען שעהען־לאַנג ביים שפּיגל און יעדן אויסדרוק פון געזיכט קאָנטראָלירט. אַרבעטן איבער דער אויסערלעכער זייט פון דער ראָל, אויסגעפינען די סאַמע פּאַסיקסטע קליידונג צו דער ראָל וועלכע זי האָט באַדאַרפט שפּילן. אין גאַרדעראָב צו גרימירן זיך פלעגט זי שטענדיק זיין פון די ערשטע. און אַדאַנק דעם אַלעמען איז איר גע־לונגען צו שאַפן פיגורן וועלכע פלעגן לאַנג, לאַנג פאַרבלייבן אין זכרון ביים טעאַטער־עולם.

אָבער דאָס וואָס האָט זיך געלאָזט אין טעאַטער, האָט זיך צום באַדויערן איר ניט איינגעגעבן אין לעבן. אַזוי ווי זי האָט אַ סך יאָרן געהאַט אַ גוט לעבן און זיך קיינמאָל זאָרגן ניט געדאַרפט, האָט זי דאָס געלט וואָס זי האָט אין טעאַטער פאַרדינט פאַר איר אָרעמער משפחה געשיקט. זי איז צו זאָרגלאָז געווען, כדי ווידער־שטאַנדפעאיק צו זיין, ווען די שלעכטע טעג האָבן זיך אָנגערוקט.

אין די ערשטע טעג פון געטאָ האָט מען איר מאַן פאַרהאַלטן און אין תפיסה אַריינגעזעצט. זי איז געבליבן עלנט און איינזאַם. ניט געהאַט צו וועמען זיך צוצוטוליען. האָט זי זיך אין די פּוסטע צימערן באַהאַלטן, געשטיקט זיך.

געוואוינט אין געטאָ אויף קאַרמעליטן 3. דאָך האָט זי אָבער אין אַ רואיקערער מינוט זיך געזעצט נייען קליידעלעך פאַר די קינדער־לעך פון אירע חברים אַקטיאָרן, וועלכע זיינען אין געטאָ אָפּגעריסענע און הוילע געקומען.

אין איין העלן טאָג האָט זי באַשלאָסן, זי וועט צו אירע אַרישע פריינד אַרויסגיין. אין געטאָ איז זי דאָך אַ רעכטלאָזע געווען, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין שום שיין אָדער וועלכן עס איז אַנדער פּאַפּירל. איר מאַן האָט דאָך פון יענער זייט טויער געהאַט אַמאָל אַזויפיל אַרישע פריינד און געשעפטלעכע פאַרבינדונגען. פּראַוואָ־

סלאַווּנע פּאַפּעס און קאַטוילישע גלחים זיינען ביי זיי אין שטוב אָפטע געסט געווען. היינט אירע קריסטלעכע סובלאָקאַטאָרן, וועלכע זי האָט אין איר אייגענער היים איבערגעלאָזן, מיטן גאַנצן האָב און גוטס.

— אפשר וועט איר לייכטער ווערן?

— אפשר וועט זי איר מאַן אין תפיסה מיט עפּעס קאָנען אַרויס־העלפן?

אַ חבר האָט זי אין אַ גרויען פאַרטאָג דורכן געטאָ־טויער אַרויס־געפירט און איר איבערגעגעבן אין די הענט פון איר אייגענער דינסט מאַנקאַ. אַ דינסט וועמען זי האָט אַן אויסשטייער געמאַכט, חתונה געמאַכט און אַ צימער ביי זיך אין שטוב אָפּגעגעבן.

כל־זמן זי האָט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן און זאַכן אָוועקצוגעבן האָט מען איר אויסבאַהאַלטן אין איר אייגענער וואוינונג אין שטאָט אויפן בוידעם. שפּעטער אפילו אַריבערגעפירט ערגעץ אין אַ פאָרשטאָט. אָבער ווען ס׳איז שוין ניט געווען מער וואָס צו נעמען ביי איר האָט מען איר איבערגעלאָזן אויף גאָטס באַראָט.

און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אירע לעצטע, טרויעריקע „גאַסט־שפּילן”.

זי איז אַוועק קיין אָשמענע. מען האָט איר אָבער דאָרטן ניט אַריינגעלאָזן. זי האָט פאַרגעלייגט די דאָרטיקע יידן פאַר זיי צו אָרגאַניזירן קאָנצערטן, זינגען, פאַראַנשטאַלטונגען, וועלכע זאָלן אַריינ־ברענגען אַ ביסל מאַטעריעלע הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקע, אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן. האָט זי זיך צוזאַמען מיט נאָך 18 יידן געלאָזט קיין אַלשאַן, אָבער דאָרטן האָט מען זיי אויך ניט אַריינגע־לאָזט. זיינען זיי צוריקגעפאָרן. אויפן וועג האָט מען זיי פאַרהאַלטן און צוריקגעבראַכט קיין אָשמענע. אָבער שוין ניט אין שטעטל, נאָר אויפן אָשמענער יידישן בית־עולם.

ווען פראַניע ווינטער האָט דערפילט איר סוף, דערזען די ביקסן קעגן זיך און צעעפנטע קברים דורך יידישע יונגעלייט געגראָבענע, האָט זי זיך ביי אירע פייניקער געבעטן מען זאָל איר ניט שיסן. לעבן האָט זי געוואָלט, לעבן. פאַר די הענט האָט זי זיי געכאַפּט, געקושט פאַר זיי און אין חלשות געפאַלן.

די אויסוואורפן האָבן איר געבעט דערהערט. זיי האָבן איר ניט געשאָסן.

לעבעדיקערהייט האָבן זיי איר אַ געחלשטע אין קבר צווישן די איבעריקע דערשאָסענע יידן אַריינגעוואָרפן און פאַרשאָטן.

מאָריס ליאַמפּע

געבוירן אין וואַרשע אין 1895 ביי פאַרמעגלעכע עלטערן. באַקומען אַ יידישע דערציאונג. טעאַטער האָט ער גאָר פרי אָנגעהויבן שפּילן. זיין ערשטע ראָל אויף דער יידישער בינע איז געווען „ישראליק" אין „פינטעלע ייד" אין דער וואַנדער־טרופּע פון ציפּקיס אין פּלאָצק.

מאָריס ליאַמפּע

ישראליק אין "פּינטעלע ייד" איז אַ ב״־מצוה יינגל, ווייַט אויס אַז ליאַמפּע״) איז נאָך דאַן זייער יונג געווען.

נאָך זיין ערשטן דעביוט, הייבט ער זיך אָן אַרומצושלעפּן מיט פאַרשיידענע וואַנדער־טרופּעס איבער רוסלאַנד.

אין 1918 שפּילט שוין מאָריס ליאַמפּע אונטער דער דירעקציע פון דעמאָלט באַרימטן טעאַטער־דירעקטאָר זשיטאָמירסקי אין מאָסקווע.

שפּעטער איז ער איינער פון די אָנפירער פון האָמלער „אונדזער ווינקל". שפּילנדיק אין טעאַטער פאַרנעמט ער זיך אויך מיט דער אָנפירונג פון אַ גאַנצער ריי יידישע און ניט־יידישע דראַמאַטישע קרייזן. אין האָמעל איז ער געווען עטלעכע יאָר. אויפגעפירט אין דאָרטיקן טעאַטער צווישן אַנדערע שלום־עליכמס „200.000" און „סטעמפעניו". גלייכצייטיק געשפּילט די הויפּט־ראָלן אין די אויבנדערמאָנטע אויפפירונגען.

אין 1924 קומט ליאַמפּע קיין פּוילן. דאָ טרעט ער אויף אין שלום־עליכמס „טביה דער מילכיקער". ליאַמפּעס „טביה" איז געווען דער האַרציקער יידישער דאָרפס־מענטש מיט אַ היפּש ביסל נגינה.

בכלל האָט ליאַמפּע געהאַט אַ גרויסע שוואַכקייט אַריינצושטעלן אין אַלע זיינע אויפפירונגען יידישע ניגונים.

זיין ליבע צו דער פאָלקס־נגינה האָט ווייזט אויס איר מקור געהאַט אין זיין חסידישן אָפּשטאַם.

אויף דער בינע און אויך אין פּריוואַטן לעבן אין דער געזעלשאַפט פון זיינע חברים פלעגט ליאַמפּע אָפּט פאַרציען אַ חסידישן זמרל און אַמאָל, גאָר אַרויסשלעפּן פון ערגעץ אַ קליינע מויל־האַרמאָניק און זיך פאַרגיין אויף די העכסטע טענער אין אַ רוסישן ניגון. און פלעגט ער זיך צעזינגען, האָט ער די הענט פאַרשטעקט אין דער טשופּרינע אַזוי אָפּזיצן שעהען לאַנג און אַלץ נייע און נייע ניגונים אַרויסברענגען.

ליאַמפּע האָט אין טעאַטער געהערט צו דעם מין אַקטיאָרן, וועלכע מען האָט אין יענע קרייזן גערופן „געריריטע אויפן קאַסטן”. ער איז אַלעמען געווען באַקאַנט מיט זיינע שפּיצלעך, סיי אין לעבן סיי אויף דער בינע.

איבערהויפּט פלעגט ער זיך אָנהייבן „נאַריש מאַכן” דאַן, ווען אין טעאַטער בעת אַ פאָרשטעלונג פלעגט קיין עולם ניט זיין. דאַן פלעגט ער אָנבראָקן טעקסטן פון אַנדערע פּיעסן. ער האָט למשל אין „טביהן” געקענט אַריינבראָקן אַ מאָנאָלאָג פון „אוריאל אַקאָסטאַ” אָדער זיך האַרציק צעלאַכן אין אַ סצענע וואו ער האָט געדאַרפט וויינען.

אין אַרטיסטן־פאַראיין איז געווען אַ גאַנצע גרופּע אַקטיאָרן, וועלכע מען האָט געהאַלטן פאַר גאַנצע אָדער האַלבע משוגעים. ליאַמפּע האָט זיך אַליין נאָמינירט פאַר זייער ערן־פאַרזיצער.

מיט „טביה דער מילכיקער” פאָרט ליאַמפּע אַדורך גאַנץ פוילן.

שפּעטער פירט אויף אין וואַרשעווער „סקאַלאַ” טעאַטער אור־קע נאַכאַלניקס „דין־תורה”. אַ פּיעסע פון גנבים־לעבן, לייגט ליאַמ־פּע אַריין אַ סך אַרבעט און האַרץ. ער פּיקעוועט אָן די פּיעסע מיט אַ סך גנבישע לידלעך און ניגונים לאַנג דערנאָך האָבן וואַרשעווער טרעגער־יונגען און דינסט־מוידן פון סמאָטשע און קראָכמאַלנע גאַסן, מיט האַרץ געזונגען:

„פאַרליר קיין מוט ניט, ברודער,
דער גורל אונדזערער איז אַזאַ,
שיינען וועט פאַר אונדז די זון נאָך ווידער
דינען זאָל אונדז אַזוי די פראַ . . . . .”

אין ליאַמפּען האָבן בכלל געלעבט צוויי פאַרשיידענע „גילגולים”. דער גלענצנדער אינטערפּרעטאַטאָר פון שלום־עליכמס „סטעמפּעניו”,

„טביה", „שימעלע סאָראָקער" א. אַנד. און גלייכצייטיק דער באַזינגער פון דער אונטערוועלט.

ווי נאָר ס'האָט זיך ערגעץ אויסגעפונען אַ פּיעסע וועגן גנבים-לעבן, הייזלעך און דאָס גלייכן, פלעגט ליאַמפּע די פּיעסן אויפפירן. „אויפן וועג קיין בוענאָס איירעס", „באשקע", „אורקע נאַכאַלניק", „בענקענדיקע הערצער". אין די פּיעסן פון גנבים-לעבן, פּאַרפירטע יידישע טעכטער, פלעגט ליאַמפּע זיך אַריינטאָן מיט לייב און לעבן. און טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט זיך מערסטנס אָפּגעגעבן מיט אַזוינע אויפפירונגען, האָבן שוין זיינע ליטעראַרישע אויפפירונגען, פאַרלאָרן ביים בעסערן עולם און ביי די קריטיקער זייער צוציאונגס-קראַפט.

דערפאַר איז ליאַמפּע מערסטנס געווען דער קאַסע-גאַסטראָליאָר און ניט די פאַרקערפּערונג פון אַ בעסערן יידישן טעאַטער.

פלעגט ער טאַקע אַרומפאָרן מער אין דער פּראָווינץ און אין די צענטראַלע שטעט בלויז שפּילן אין די זומער-חדשים, ווען מען דאַרף האָבן עפּעס „ספּעציעלעס" כדי אַריינצוציען דעם עולם אין טעאַטער אַריין.

אַזוי, סעזאָן נאָך סעזאָן, געפינט זיך ליאַמפּע אויס אַ טעאַטער-שלאַגער, און פאָרט מיט דעם אַדורך פּוילן, אין דער לענג און אין דער ברייט.

ליאַמפּעס פּאָרטרעט: אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, אַ קיילעכדיקער פּנים, גרויסע טשופּרינע און טונקעלע אויגן, מיט אַ ברייטן העלן מאַנטל און ווייכע הוט, אַ שאַליק וואויליונגעריש פאַרוואָרפן אויפן האַלדז, גאָלדענע סיגנעטן אויף די פינגער און אַ גאָלדענעם פּאָרטסי-גאַר אין טאַש.

אין 1937 פאָרט ליאַמפּע צוזאַמען מיט זיין פּאַרטנערין שושנה אויף גאַסטראָלן קיין בעלגיע, פראַנקרייך און דערנאָך קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע גיט זיי זיך ניט איין צו שפּילן און זיי קערן זיך אום צוריק קיין פּוילן, וואו זיי גאַסטראָלירן ווייטער איבער שטאָט און שטעטל, ביזן אויסברוך פון דער דייטש-פּוילישער מלחמה.

אין סעפּטעמבער 1939 לויפט ליאַמפּע פון וואַרשע אין דער ריכ-טונג צו ווילנע. ער בלייבט אָבער שטעקן אין ביאַליסטאָק. מיטן אָנקום פון די סאָוועטן, ווערט אין ביאַליסטאָק אָרגאַניזירט אַ מלוכהשע וואַנדער-טרופּע פאַר מע־ב-ווייסרוסלאַנד. אַלס קינסטלערישער אָנפי-רער פון דער טרופּע ווערט איינגעלאַדן מאָריס ליאַמפּע.

די טרופּע דערגרייכט צו די פאַרוואָרפנסטע קיבוצים. זייער זיץ-אָרט איז סלאָנים. אין איינער פון די פאָרשטעלונגען שפּרינגט ליאַמפּע שלימזלדיק אַראָפּ פון אַ טיש און לענקט זיך אויס אַ פוס. ער מוז איבעררייסן זיין שפּילן און ווערט אָפּגעפירט אין אַ קרייז-שפּיטאָל אין

באַראַנאָוויטש, וואו ס׳קומט אים אויס זיך צו היילן אַ לענגערע צייט. נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל באַמיט זיך ליאַמפּע דורכצוקריגן קיין ווילנע.

אין ווילנע האָבן זיך דאָן געפונען די אַרטיסטן שושנה מיט איר מאַן לאַזאַר קאַהאַן, וועלכע האָבן זיך געקליבן קיין אַמעריקע. די קאַהאַנס האָבן פון וואַרשע מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גרויסן טייל פון ליאַמפּעס גאַרדעראָב און חוץ דעם האָבן זיי זיך אויך באַמיט פאַר ליאַמפּען צו קריגן אַ מעגלעכקייט צו עמיגרירן. די קאַהאַנס פון זייער זייט האָבן אויך געמאַכט אַלע באַמיאונגען אַראָפּצוברענגען ליאַמפּען קיין ווילנע.

אָבער די באַמיאונגען פון ביידע צדדים געלינגט ניט.

די קאַהאַנס פאָרן אַוועק קיין כינע און ליאַמפּע קערט זיך אום צוריק צו זיין וואַנדער־טרופּע.

ענדלעך אין סוף מאַי 1941, ווערט ער דורכן ווילנער מלוכה־טעאַטער אַראָפּגעבראַכט קיין ווילנע, כדי אויפצוטרעטן אין דער הויפּט־ראָל „שימעלע סאָראָקער" אין שלום־עליכמס „200.000". כדי אויפצופירן די פּיעסע ווערט אויך אַראָפּגעבראַכט פון ראָוונע דער באַ־רימטער אין פּוילן פילם־רעזשיסער הענריק שאַראָ.

שאַראָ גיט דעם אַלגעמיינעם פּלאַן און ליאַמפּע גיט אַריין אין דער פּיעסע דעם יידישן חן און יידישן ניגון. זיין „שימעלע סאָראָקער" איז אַ צעזונגענער עמכ׳דיקער יידישער שניידער. אין זיין שפּילן איז געלעגן אַזויפיל עכטקייט, אַז אָפּט האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז אָט דער שניידער וואָס דרייט זיך אַרום אויף דער בינע, האָט אַהער פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ פון דער יידישער גאַס.

און ווי ליב און האַרציק ער איז געווען אויף דער בינע, פּונקט אַזאַ איז ער געווען אין לעבן.

איך דערמאָן זיך:

דער שוישפּילער הערבסט [10]) האָט זיך אויסגענייט אַ נייעם אַנצוג, און דערזעענדיק אויף ליאַמפּען אַ קראַוואַט איז ער אים זייער געפעלן געוואָרן — דער קראַוואַט האָט זיך זייער געפּאַסט צו הערבסטס אַנ־צוג. ליאַמפּע דערהערנדיק אַז הערבסטן געפעלט דער קראַוואַט, האָט ער אים גלייך אויסגעטאָן און אים אַוועקגעגעבן.

און נאָך אַ פאַל: דער שוישפּילער מיכל קאַץ איז אַרומגעלאָפן איבער ווילנע זוכן גומי־זאָקן פאַר זיין מאַמעס קראַנקע פיס. קאַץ האָט געטראָפן ליאַמפּען און דערהערנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער אים אַרויפגעשלעפּט צו זיך אין האָטעל־צימער און אַוועקגע־שאָנקען זיינע אייגענע גומי־זאָקן, וועלכע ער האָט נאָך געהאַט פון זיין פוס־קרענק אין באַראַנאָוויטש.

אויך אין דער צייט פון די פּראָבן פלעגט ליאַמפּע זיך טיילן מיט חברים מיטן עסן, פּאַפּיראָסן און אָפּט מכבד זיין מיט אַ גלעזל משקה אין טעאַטער־בופעט.

חברה פלעגט זיך וויצלען, אַז דאָס האָט ער אויף אַזאַ אופן אויסגעקויפט זיינע אַמאָליקע זינד, ווען ער האָט אַלס אונטערנעמער שלעכט באַהאַנדלט די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן ביי אים געשפּילט.

אַזוי צי אַזוי, ליאַמפּע איז אָבער נאָך זיין אַראָפּקומען קיין ווילנע, געוועזן צו אַלעמען אַ האַרציקער חבר און איבערגעגעבענער פריינד.

שלום־עליכמס „200.000״ איז געווען ליאַמפּעס לעצטע פאָרשטע־לונג אין ווילנע.

שבת דעם 21־טן יוני 1941, אַ זייגער 11 ביינאַכט, נאָך דער פּרע־מיערע פון „200.000״ האָט זיך איבער ווילנער גאַסן אַרויסגעלאָזט אַ טעאַטראַלע דרייצענטל. 12 אַקטיאָרן און אַקטריסעס און דער רעזשי־סער הענריק שאַרע. זיי האָבן געזוכט וואוהין אַריינצוגיין אויף אַ ביסל משקה נאָך דער פאָרשטעלונג. וואו זיי זיינען צוגעקומען איז געווען אָדער איבערפולט פון מענטשן אָדער אַלץ איז געווען אויספאַרקויפט. אין קאַפעטעריע „בוקיעט״ אויף מיצקעוויטש־גאַס האָבן זיי דורך פּראָטעקציע געקראָגן אַ פרייען טישל וואו זיי האָבן ביי אַ גלעזל משקה געפייערט דעם דערפאָלג פון דער פּרעמיערע, פול מיט הער־לעכע האָפענונגען פאַר דער צוקונפט. און אַזוי מיט אַ זמרל פאַר־בראַכט ביזן באַגינען.

פאַרטאָג ווען זיי זיינען אַהיים געגאַנגען, האָט שוין דער ראַדיאָ מודיע געווען דעם אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה: די דייטשן זיינען אַריבער די גרענעצן פון ראַטן־פאַרבאַנד.

ליאַמפּע קלייבט זיך אַריבער פון האָטעל, צום אייגנטימער פון טעאַטער־בופעט אויף פּאָהולאַנקע 15, זיינער אַ טעאַטער־פריינד, מאָריץ באַנדע.

ווען חברים לייגן אים פאָר אַנטלויפן מיט זיי צוזאַמען פון ווילנע, אַנטזאָגט ער זיי קאַטעגאָריש:

— איך, קינדערלעך, האָב שוין דאָס איינמאָל אַדורכגעמאַכט. און אַ צווייטן מאָל ווינטש איך עס ניט מיין ערגסטן שונא. — אַזוי האָט ער זיך דאַן אויסגעדריקט.

ער האָט געפּרוּווט גיין אויף אַרבעט, אָבער דאָ האָט זיך אָפּגע־רופן זיין קראַנקע פוס.

פלעגט ער מייסטנס שוין בלייבן אין שטוב, אַרויסנעמען זיין קליי־

נע האַנט־האַרמאָניקע זיצן אויף דער קאַנאַפּע און פּאַרציען זיין באַליבטן ניגון:

„אוי, איך האָב געטאָן אַזאַ זאַך,
און זיך גאָרניט באַטראַכט,
כ'האָב געמיינט אַז ס'איז טאָג,
און צום סוף איז גאָר נאַכט...״

און אין שטוב זיינען אַלץ אָפּטער דערגאַנגען ידיעות:

— מען כאַפּט יידן, מען כאַפּט יידן. מען נעמט צו מענער, מען פירט אַוועק און — קיינער ווייס ניט וואוהין.

איז שוין ליאַמפּע בכלל פון שטוב ניט אַרויס. גאַנצע טעג און אָוונטן זיינען צו מאַריץ באַנדע אין שטוב אַריינגעקומען פריינד און באַקאַנטע, מערסטנטייל שוישפּילערינס, ווייל פּאַר פרויען איז אין יענע טעג די ריזיקע געווען אַ קלענערע צו גיין אין גאַס, און ברענגען די שלעכטע גערוסן פון שטאָט.

אָט האָט מען אויף דער גאַס צוגענומען איין חבר אַן אַקטיאָר און באַלד אַ צווייטן.

אַן אַנדערן האָט מען ביי דער אַרבעט צעשלאָגן.

שווער און שווערער איז געוואָרן דאָס לעבן.

דעם 17־טן יולי, 1941 פּאַרטאָג, האָבן כאַפּערס אַרומגערינגלט דעם הויף אויף פּאַהולאַנקע 15. פּאַרמאַכט די אַרויסגאַנגען און אַוועק איבער די הייזער זוכן מענער. אַריין אין דער וואוינונג וואו ליאַמפּע האָט געוואוינט און געהייסן אַלע מענער זיך אָנטאָן. דער גרויסער ברייטפּלייציקער ליאַמפּע האָט זיך ביי אַ קליינעם „כאַפּער״ ווי אַ קינד געבעטן, ער זאָל אים ניט נעמען. ער איז קראַנק, דער פּוס טוט אים וויי און ער קען ניט גיין. פּאַרגעלייגט געלט, דעם גאָלדענעם פּאָרט־סיגאַר. ס'האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן.

צוזאַמען מיט זיין גאַסט־פריינדלעכן באַלעבאָס מאַריץ באַנדע האָבן זיי אים אַוועקגעפירט.

יוסף חאש

יאָסל איז געבוירן געוואָרן ביי אַ טאַטן אַ שניידער אין גראָדנע. דער זיידע פון טאַטנס צד, איז געווען אַ חזן און שמש.

פון קינדווייז־אָן איז ער געווען אַ סאָליסט ביים גראָדנער חזן יאָשע סלאָנימער. גלייכצייטיק איינגעאָרדנט קינדער־פאָרשטעלונגען אין פּריוואַטע הייזער, שטאַלן, בוידעמער און קעלערן.

יוסף כאַש

צו זעכצן יאָר איז שוין יאָסל משורר אין דער גראָדנער כאָר־שול. זינגט אויך אין כאָר פון רוסישן טעאַטער.

אין 1906 ווערט ער אַריינגענומען אין כאָר פון ראָטשטיינס אָפּערעטן־טרופּע, וועלכע שפּילט דאַן אין יורזעפקע.

דער גורל האָט געוואָלט אַז אין דער פאָרשטעלונג „דודס פידעלע", ווערט קראַנק אַן אַקטיאָר וועלכער שפּילט די ראָל פון „יאַנקעלע". דער יונגער כאָריסט יאָסל כאַש [11] גייט אָן אַ פּראָבע אים פאַרבייטן און ווערט שטאַרק געפעלן דעם עולם ווי אויך דער דירעקציע. ער בלייבט שוין אין דער טרופּע אַלס אַקטיאָר.

פון יענעם טאָג אָן הויבט שוין יוסף כאַש אָן דעם „באָרמאַלן" וועג פון יידישן אַקטיאָר. ער שפּילט ביי פאַרשיידענע דירעקטאָרן. אומעטום יוגנט ראָלן, מיט אַ לידל און אַ טענצל. אַ בלאַסער יונגערמאַן מיט בלויע אויגן און בלאָנדער טשופּרינע און די הויפּט־זאַך — אַ ווייכער סאַמעטענער טענאָר מיט אַן אָבער „צע" האָט ער שטענדיק אַ גרויסן דערפאָלג ביים עולם.

ער פאָרט אַרום מיט יידישע אָפּערעטן־טרופּעס איבערן גאַנצן שטח פון אַמאָליקן גרויס־רוסלאַנד ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914. ער ווערט מאָביליזירט און אַוועקגעשיקט

אויפן פראָנט. אין 1915 אָרגאַניזירט ער אַלס קריגסגעפאַנגענער פאַר־שטעלונגען אין קליינמיכעל, ביי לינץ, אין עסטרייך.

אַזוי ווי אין געפאַנגען־לאַגער האָבן זיך געפונען זעלנער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, פירט ער זיינע טעאַטער־אויפֿפירונגען אין פויליש, רוסיש און יידיש. צוליב דעם פעלן פון פרויען אין לאַ־גער, שפּילט דאָן כאַש אַלע פרויען־ראָלן.

ער פירט דאָרט אויף גאָרדינס „כאַסיע די יתומה" און „די שחיטה", דערביי שפּילט ער אַליין „כאַסיען" און „אסתרקען" אין דער „שחיטה".

נאָכן אומקערן זיך פון געפאַנגען־לאַגער, טרעט כאַש אַריין אין דער טרופּע פון נחום ליפּאָווסקי [12]). שפּילט ווייטער די „סעמעלעך" מיט די „בערעלעך" אין די אַלטע יידישע אָפּערעטעס „יחסן" און „אַ מענטש זאָל מען זיין".

אין 1922 האָט כאַש חתונה מיט אַ גראָדנער טעאַטער־אַמאַטאָרין אידע שעוואַכאָוויטש [13]), און נעמט מיט די ווייב אויף זיינע וואַנדערונ־גען מיטן יידישן טעאַטער.

צו יענער צייט שפּילט שוין כאַש צוזאַמען מיט זיין ברודער קדיש און שוועגערין נחמה. זיי בילדן שוין אַ גאַסטראָלירנדיקן דריילינג. נחמה די פרימאַדאָנע, קדיש — רעזשיסאָר און כאַראַקטער־ראָלן און יוסף כאַש — דער פּאַט־קאָמיקער.

זיי פאַראייניקן זיך מיטן זינגער דוד זיידערמאַן, וועמענס ווייב, חנה לערנער, איז אַ פלאַם־פייערדיקע סוברעטין.

אין 1924 שפּילט שוין דאָס פינפטל אין ווילנער שטאָט־זאַל זייער שלאַגער־אָפּערעטע „ליאָווקע מאַלאָדיעץ" מיט כאַשן אין דער טיטל־ראָל.

כאַשס לידעלע פון דער פּיעסע „אַך מיין היימעלע"... האָט מען דאַן אין ווילנע געזונגען כמעט אין יעדער יידישער הויז.

אין 1925, ציען זיי צו אַלס רעזשיסער דעם באַוואוסטן יידישן אַרטיסט שלמה קוטנער און זיי פירן אויף קאַלמאַנס אייראָפּעאישע אָפּערעטעס „סילווא" און „באַיאַדעראַ", דאָ שפּילט שוין כאַש „באָני" און „נאַפּאָלעאָן" מיט אַ גרויסן דערפאָלג.

מיט דעם רעפּערטואַר פאָרט שוין דאָס זעקסטל אַדורך גאַנץ פּוילן און רומעניע.

אומעטום וואו זיי קומען, צייכנט זיך אַמערסטנס אויס כאַש צוליב זיין געוואַלדיק ערנסטער באַציאונג צו דער אַרבעט. אומעטום, ס'האָט געמעגט זיין אין וואַרשע, אָדער אין אַ פאַרוואָרפענעם העק, אומעטום מיטן זעלבן פלייס און ערנסט. אומעטום פרייד צום עולם געבראַכט.

און פונקט ווי אויף דער בינע, אַזוי אויך אין לעבן. שטענדיק די פריילעכקייט און גוטמוטיקייט אַליין.

נאָכן צוריקקומען פון רומעניע, פאָרט די משפחה קדיש־כאַש אויפן סעזאָן 1929־1930 קיין ריגע. אין אַ יאָר אַרום קערן זיי זיך ווידער אום קיין פוילן.

ציען זיי צו, צו זייער טרופע איניקע יונגע שוישפּילער, אויך זייער ברודער, אברהם גראָדנער[14]) און אונטערן נאָמען „ווילנער אָפּע־רעטן־טרופּע" לאָזן זיי זיך אַרויס מיט אַן אייגן צוגעגרייטן רעפּער־טואַר איבער שטאָט און שטעטל.

ביי יאָסלען זיינען פאַר דער צייט געבוירן געוואָרן צוויי קינדער: אַ מיידעלע פייגעלע־פּאסינקע און אַ יינגעלע יאַנקעלע.

אַזוי וואַנדערט כאַש מיט זיין משפחה־טרופע פון 1931־1939.

צו די קלענסטע יידישע ישובים דערגרייכט די טרופע. אומעטום באַמיען זיי זיך צו זיצן וואָס לענגער. מען זאָל ניט דאַרפן מיט ווייב און קינד זיך שלעפּן מיט די באַנען און אויטאָבוסן.

אָפט קומט אויס צו זיין אין אַזעלכע שטעטלעך וואו מען שפּילט אין די פייערלעשער־שאָפּעס, אויף קונציק צוזאַמענגעקלאַפּטע בינעס. עס טרעפט, אַז אויף אַזעלכע בינעס איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אַלע שוי־שפּילער, וואָס דאַרפן זיך באַטייליקן אין דער פאָרשטעלונג.

אַזוי דערמאָנט זיך פון כאַשס וואַנדערונגען מיט זיין משפחה־טרופע איניקע עפּיזאָדן:

די טרופע איז פון קראָקע אַרויסגעפאָרן שפּילן אין דעם דערביי־איקן שטעטעלע יענדזשעיעוו. דאָס איז געווען ווינטער. די האַנדלונג אין דער פּיעסע קומט פאָר זומער־צייט. נאָר אַזוי ווי הינטער די קוליסן איז אפילו קיין אָרט ניט געווען וואו די בגדים אויפצוהענגען, האָבן די אַרטיסטן זייערע ווינטערדיקע מאַנטלען און פוטערס מיטגע־נומען מיט זיך אויף דער בינע. שפּילנדיק אָנגעטאָן די ווייסע, לייכטע זומער־קליידער, זיינען אויף די ווענט פון דער בינע געווען אויסגע־האַנגען די פוטערס.

דערביי האָבן נאָך די אַקטיאָרן וואָס האָבן שוין זייערע סצענעס אָפּגעשפּילט ניט געהאַט וואוהין אַראָפּצוגיין, פלעגן זיי איבערבלייבן אויף דער בינע, אַוועקזעצנדיק זיך אין אַ ווינקעלע וואַרטן אויף זייערע ווייטערדיקע סצענעס אין דער פּיעסע.

צום שלים־מזל האָט נאָך דער „אָרקעסטער" וועלכער איז באַשטאַ־נען פון איין פידלער פאַרביטן די נאָטן און מיטגענומען אַנשטאָט די פאַרטיע פון דער ערשטער פידל — אַ באַגלייט־פאַרטיע.

אַזוי, אַז ביי אַלע געזאַנגען האָט דער פידלער אַנשטאָט די מעלאָדיע אָפּגעקלאַפּט בלויז פּאָם־פּאָם. האָבן די שוישפּילער אויף דער בינע זיך גאַנץ גוט צעלאַכט פון דער „סימפאָניע" און מיט זיי דער גאַנ־צער עולם באַזוכער. דער עולם פלעגט אָבער אויף זיי קיין פאַראיבל

ניט האָבן, זעענדיק ביי וואָס פֿאַר אַ באַדינגונגען עס קומט זיי אויס צו שפּילן.

אַ צווייטן מאָל האָט די טרופּע אָנגעשפּאַרט אַזש קיין זשיטאָמיר. אין זשיטאָמיר האָבן לויט אַן אַלטן געזעץ ניט געטאָרט וואוינען קיין יידן, האָבן זיי זיך געפֿונען אין דערבייאיקן שטאָט־טייל זאַבלאָטשיע. געשפּילט האָט די טרופּע אין לאָקאַל פֿון ציוניסטישן בית־עם. געשפּילט אַזעלכע „הויך קינסטלערישע" פּיעסן ווי „דער אַמעריקאַנער ליטוואַק" און „אַלץ פֿאַר קינדער". אין זאַבלאָטשיע וואו יידן האָבן שוין יאָ געמעגט וואוינען, האָט מען אין איינציקן „אַרישן" האָטעל קיין יידן ניט אַריינגעלאָזן. איז די טרופּע מיטן באַגאַזש, מיט ווייבער און קינדער פֿאַרפֿאָרן אין טעאַטער אַריין. די רעקלאַמע־אַפֿישן און פֿלוג־בלעטלעך האָט מען אַרויסגעלאָזן אין דייטש. ביינאַכט איז דער טעאַטער געווען איבערפֿולט מיט מענטשן. די טרופּע האָט געמאַכט אַזאַ רושם אויף די צושויער, אַז דער איינציקער שטעטלשער בעקער האָט אַוועקגעגעבן דער טרופּע זיין דירה צו נעכטיקן און אַ גאַנצן געבעקס מאָן־קוכן.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט איינגעאָרדנט ביי זיך אַ פֿייערלעכן באַנקעט מיט געהויבענע רעדעס לכבוד די קינסטלער. כאַש אַ בגילופֿנדיקער האָט געענטפֿערט, פֿאַרשטייט זיך אויך אין „האָך־דייטש" וועלכן ער האָט נאָך געקענט פֿון די פֿריערדיקע צייטן ווען ער האָט געשפּילט אין די אַלטע יידישע אָפּערעטן. ער האָט זיי אויך דערציילט וועגן יידישן טעאַטער און זיינע גילגולים.

אַזעלכע און ענלעכע עפּיזאָדן זיינען אין דער קאַריערע פֿון כאַשן געווען אין די צענדליקער.

איבער דריי צענדליק יאָר האָט ער דאָס יידישע לידל, דעם יידישן וויץ. דעם ריקודל געטראָגן פֿון יאָס ביז קאָוונע, פֿון וואַרשע ביז ווין, דורך פּינסק, ראָוונע, סמאָרגאָן, און בוקאַרעשט.

כאַש האָט אויך פֿון צייט צו צייט געשפּילט דראַמאַטישן טעאַטער. אַזוי האָט ער נאָך אין 1918 געשפּילט מיט אברהם מאָרעווסקי אין ווילנער צירק (אויפֿן לוקישקער פּלאַץ) אין „שמע ישראל".

אין דער אויפֿפֿירונג פֿון מאַרק אָרענשטיין פֿון לייוויקס „גולם" האָט יוסף כאַש געשפּילט די ראָל פֿון „נחום".

אין 1939, האָט זיך כאַש צוזאַמען מיט דער טרופּע געפֿונען אין פּינסק. ווען פּינסק איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צו מערב־ווייסרוסלאַנד, ווערט כאַש אַנגאַזשירט אין אַ קליין־קונסט בריגאַדע צו באַדינען די פּראָווינץ.

ער קאָן זיך אָבער דאָרטן ניט אויסלעבן און ער קומט אין 1940 קיין ווילנע כדי זיך דאָ צו אַנגאַזשירן. ער גייט אַריין אין שפּעטערישן באַשטאַנד פֿון ווילנער יידישע מלוכה־טעאַטער. ער ברענגט אַריבער פֿון פּינסק אויך זיין ווייב און קינדער.

אין דער אויפפירונג פון „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" שפּילט ער די ראָל פון אַ צעטאַנצטן און צעזונגענעם יידישן שטעטלשן בחור. כאַש דערפילט זיך דאָן אין זיין אייגענער הויט.

גאָר גוט האָט זיך אָבער כאַש אין ווילנער מלוכה־טעאַטער נית געפילט. ס׳איז אונטערגעוואַקסן אַ יינגערער דור יידישע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך אין דעם טעאַטער בעסער אַריינגעפּאַסט ווי די על־טערע. כאַשן האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז דאָס ווערט ער אַזוי טראַקטירט, ווייל ער האָט זיין גאַנצן לעבן אָפּגעשפּילט אין פּיעסן פון ביליקערן זשאַנער. (און אפשר, איז עס אויך טיילווייז אמת געווען).

מיט איינס איז אָבער געווען בעסער. די אייביקע מורא פאַר דער מאַטעריעלער זאָרג, פאַר ווייב און קינדער איז אָפּגעפאַלן. ער איז געוואָרן אַ מלוכה־באַאַמטער און געגלויבט אַז אויך מאַראַליש וועט ער סוף־כל־סוף פאַרנעמען זיין פאַרדינטן אָרט.

אַ געוויסע סאַטיספאַקציע האָט ער געהאַט פון זיינע געזאַנג־אויפ־טריטן מיט פאָלקס־לידער, אָבער דאָס אַלץ האָט ליידער גאָר קורץ געדויערט.

ווען דער טעאַטער איז אַנטשוויגן געוואָרן אונטער די קלעפּ פון דער גרויזאַמער מלחמה און די דייטשן האָבן פאַרנומען ווילנע, איז יוסף כאַש צוזאַמען מיט זיין ברודער געווען פון די ערשטע וואָס זיינען ביי דער פּראָוואָקאַציע אויף סטראַשון־גאַס 15, אַריינגעפאַלן אין דער לוקישקער תפיסה.

חדשים לאַנג האָבן זיי זיך דאָרט געפּייניקט.

ביידע ברידער, וועלכע זיינען ווי אַן אויסנאַם צווישן טעאַטער־מענטשן געווען רעליגיעז (ניט אומזיסט איז זייער זיידע געווען שמש און חזן אין גראָדנע), האָבן אין דער תפיסה פאַרבראַכט זייער צייט אין תפילות און מיט תפילות זייער לעצטן אַקט אויסגעשפּילט.

אין אַ שטילן פאַרטאָג האָט מען זיי, מיט נאָך אַ סך יידן, צום לעצטן מאָל איבער די שטומע גאַסן געפירט. איבער די ווילנער גאַסן, וואו קינד און קייט פלעגן באַוואונדערן זייער ליבלינג, יוסף כאַש, ווען ער פלעגט שפּאַצירן גיין.

ניט קיין פּוסטע שאָסן פון רעוואָלווערן, מיט וועלכע זיי פלעגן אַזוי אָפּט פאַרענדיקן די לעבנס פון זייערע העלדן אויף דער בינע, נאָר אַחזריותדיקע קוילן האָבן צום לעצטן מאָל דעם פאָרהאַנג פאַר די אויגן פון די ברידער כאַש אויף אייביק אַראָפּגעלאָזן.

די אַקטיאָרן זיינען צוזאַמען מיט זייער עולם געפאַלן.

אויף סטראַשון־גאַס אין ווילנע איז געבליבן יוסף כאַשס ווייב מיט די צוויי קינדער, האָט זי טאָג־איין טאָג־אויס געבעטן:

— „גאָטעניו, אויב זיי קומען ניט צוריק, נעם מיך צו זיי!"

און — אויך איר געבעט איז דערהערט געוואָרן...

אידינאַ

אין גראָדנע ביי באַלעבאַטישע עלטערן איז דעם 4־טן יוני 1904 געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבן אידע.
די קליינע האָט נאָך אין קינדערגאָרטן אַרויסגעוויזן סצענישע פעאיקייטן און פון קלאַס צו קלאַס ביזן 7־טן קלאַס גימנאַזיע האָט זי זיך אין אַלע שול־פאָרשטעלונגען באַטייליקט.



אידינאַ כאַש

שפּעטער ווען זי איז פון גימנאַזיע אַרויס, האָט זי מיטגעשפּילט מיט די גראָדנער ליבהאָבער. געלאָפן קוקן אַלע טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין שטאָט.

סוף כל סוף חתונה געהאַט פאַר אַן אַקטיאָר, פאַר איר גראָדנער בן־עיר, יוסף כאַש. מיט אים האָט זי שוין אָנגעהויבן שפּילן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער.
אַוועקגעפאָרן מיטן מאַן קיין רומעניע, דורכגעמאַכט גאַנץ בעסאַראַביע און בוקאָווינע, צוריקגעקערט זיך קיין פּוילן און געוואַנדערט מיטן מאַן און משפּחה איבער אַלע שטעט און שטעטלעך. געוואוינט מער אין באַן און אויטאָבוס ווי אין הייזער.

און אַזוי וואַנדערנדיק האָט זי כאַשן צוויי שיינע קינדער געהאַט: אַ טאָכטער, פאַסינקע, וועלכע האָט שוין לעצטנס אַליין טעאַטער געשפּילט און אַ זונדל, יאַנקעלע.

די קינדער האָבן צוליבן כסדרדיקן אַרומוואַנדערן פון די עלטערן קיין נאָרמאַלע דערציאונג ניט געקענט באַקומען. אָבער פון זייער פרישטער יוגנט אָן, איינגעאָטעמט אין זיך די טעאַטער־לופט און מיטן טעאַטער מיטגעלעבט.

אידינאַ, אָדער אידאַ כאַש, וועלכע האָט אַלס ליבהאָבערין גרויסע פעאיקייטן אַרויסגעוויזן האָט אָבער אַלס פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע קיין גרויסן דערפאָלג ניט געהאַט.

געשפּילט כאַראַקטער ראָלן, אָדער גאָר קליינע עפּיזאָדן פון יוגנט־לעבע. דערפאַר אָבער איז זי געווען אַן אידעאַלע מאַמע צו אירע קינדער און אַ גאָר גוטע ווייב צו איר מאַן. ניט האָבנדיק קיין שטענ־דיקן וואוין־אָרט האָט זי אָבער שטענדיק איר ווירטשאַפט געפירט. געזאָרגט דער מיטאָג זאָל זיין צו דער צייט, די קינדער זאָלן זיין ריין אָנגעטאָן.

אָפט, ווען די טרופּע פלעגט אין קלענערע שטעטלעך מיט אַן אייגענעם אויטאָבוס אָפּשטעלן זיך אויפן שטעטלשן מאַרק, פלעגן די פאַרבייגייער וואונדערן זיך ווי פון אויבן, פון דער באַגאַזש־אָפּטיילונג פלעגט מען נעמען אויסלאָדן קינדער־וועגעלעך און קאָך־געשיר. דאָס האָט די טרופּע איר פערזענלעכע היימישע ווירטשאַפט מיטגעפירט. אפילו אַ לאַטאָ צו שפּילן אין דער פרייער צייט, פאַר אָדער נאָך דער פאָרשטעלונג, האָבן זיי מיט זיך געהאַט.

בייטאָג האָט מען אַלצדינג אויסגעפּאַקט און נאָך דער פאָרשטעלונג ווידער פאַרפּאַקט, און ווייטער געפאָרן.

אַזוי איז געגאַנגען דאָס גרויע וואַנדער־לעבן פון אידע כאַש מיט איר משפּחה.

ווען די סאָוועטן האָבן פאַרנומען מערב־ווייסרוסלאַנד האָט די טרופּע זיך געפונען אין פּינסק. יוסף כאַש מיט אַ טייל מיטגלידער זיינען אַנגאַזשירט געוואָרן אין „זינג־בריגאַדעס״ פאַר דער פּראָווינץ. אידינאַ מיט די קינדער זיינען געבליבן אין פּינסק. וועלנדיק זיין צו־זאַמען פאָרט כאַש אַריבער קיין ווילנע, ווערט אַנגאַזשירט אין ווילנער מלוכה־טעאַטער, ער האָט דאַן די מעגלעכקייט אַראָפּצוברענגען זיין ווייב און קינדער.

אידינאַ שפּילט ניט אין ווילנע.

די דייטשן פאַרנעמען ווילנע און כאַש ווערט צוזאַמען מיט זיין ברודער קדיש צוגענומען ביי דער פּראָוואָקאַציע אויף סטראַשונאַ 15. זיי ווערן אַוועקגעפירט אין דער לוקישקער טורמע.

אידינאַ וויל זיי ראַטעווען. זי שלאָגט אָפּ אַלע טירן. זי לויפט צו ליטווישע שוישפּילער אינטערוועניר. אָבער עס געלינגט איר ניט עפּעס אויפצוטאָן פאַר זיי.

זי לויפט צו אַדוואָקאַטן. פאַר יידן זיינען שוין ניטאָ קיינע שום געזעצן, און אפילו ביים בעסטן ווילן פון די ניט־יידישע אַדוואָקאַטן קאָן גאָרניט אויפגעטאָן ווערן.

און אָט איז אַ צווייטע פּראָוואָקאַציע. און סטראַשון־גאַס ווערט אויסגעליידיקט פון יידן, צוזאַמען מיט אַלעמען ווערט צוגענומען אידאַ כאַש מיט אירע צוויי קינדער.

קדיש חאַש

פון „פּינטעלע ייד״ ביז צו לייוויקס „גולם״ האָט די משפּחה קדיש־כאַש געשפּילט אויף איר לאַנג־יאָריקן וואַנדער־וועג איבער שטעט און שטעטלעך.

אין זון און אין רעגן. אויף באַן און מיט פור, האָבן זיי צענדליקער יאָרן געגעבן זייער צושטייער דעם יידישן טעאַטער.

זייערע קינדער זיינען געבוירן געוואָרן אויף די וועגן פון זייערע וואַנדערונגען.

נחמה

קדיש

דער אָנפירער פון דער משפּחה כאַש־קדיש איז קדיש[15]. און כאָטש ער איז דער יינגערער פון יוספן האָט ער תמיד געמאַכט דעם איינדרוק פון עלטערן און סאָלידערן. זיין אויסזען: אַ ברייטפּלייצי־

קער, מיט אַ היפּשן פּליכל אויפן קאָפּ און מיט אַ באַס־שטימע. דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ סך ערנסטקייט.

האָט ער גלייך פון די ערשטע טריט אין זיין טעאַטער־קאַריערע געשפּילט די ראָלן פון פאָטערס. ווען ער האָט געשפּילט „אליעזרן" אין „בר כוכבא", פלעגט דאָס ליד: — „אַזוי זאָגט גאָט אַצינד" — שרעקן און שטראָפן. אַ סך האַרץ פלעגט זיין אין קדישעס געזאַנג.

זיין ערנסטקייט האָט קדיש זיך באַמיט איינצופירן אין זייער געזאַנגס־טרופּע. קדיש פלעגט פון צייט צו צייט איינלאַדן אין זייער טרופּע אַ דראַמאַטישן רעזשיסער און אויפפירן אַ בעסערע פּיעסע. אַזוי איז דורך דער טרופּע געשפּילט געוואָרן אַנ—סקיס „דיבוק" און לייוויקס „גולם". דערביי האָט קדיש אַלס שוישפּילער געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַווייזן אין דער ראָל פון „מהרל" אין לייוויקס „גולם".

אויך אין שלום אַשס „גאָט פון נקמה", האָט קדיש אין דער ראָל פון „סופר" באַוויזן אַז אַ גוטער שוישפּילער קען אַן עפּיזאָדן־ראָל פאַרוואַנדלען אין אַ צענטראַלער פיגור.

נאָך מער בריהשקייט האָט קדיש באַוויזן אין די ביליקע אָפּע־רעטן און מעלאָדראַמעס, וואו ער האָט פון פאַפּירענע געשטאַלטן אויס־געפורעמט, לעבעדיקע, קערנדיקע פיגורן.

זיין „ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט" אין דער אָפּערעטע „ליאָווקע מאַלאַדיעץ", אָדער דער „פערד־הענדלער" אין „קאַווקאַזער ליבע" זיינען געווען לעבעדיקע מענטשן.

און וואָלט קדיש זיך געוואָלט אָפּטיילן פון דער משפּחה, וואָלט ער זיכער פאַרנומען אַן אָרט צווישן די בעסערע דראַמאַטישע שוי־שפּילער אין פוילן.

אין 1918 האָט קדיש חתונה געהאַט פאַר דער זינגערין נחמה [16] און דאָס באַשטימט שוין זיין ווייטערדיקן גורל. נחמה איז אַן ערשטע שוישפּילערין אין דער אָפּערעטע מיט איר שטים און אויסזען. אין דער דראַמע דאַקעגן, פאַרנעמט נישט נחמה קיין אָרט.

קדיש וואַנדערט דערפאַר אַרום מיט ווייב און ברידער מיט געזאַנג־רעפּערטואַר איבער פוילן, רומעניע, לעטלאַנד־ליטע, און עסט־לאַנד.

אַלע אַמעריקאַנער שלאַגער־אָפּערעטן ווערן דורך קדישן גע־קויפט און מיט זיין אַנסאַמבל אויפגעפירט.

און אָפט, ווען עס גיט זיך ניט איין אויף אַ לעגאַלן וועג צו קריגן אַ פּיעסע, ווערט זי דורך אַ סופליאָר פון אַמעריקאַנער גאַסט־שפּילער אַראָפּגעשריבן און דאַן שפּילט די קדיש־כאַש טרופּע די פּיעסע אין די שטעט וואו די אַמעריקאַנער גאַסט־שפּילער האָבן ניט

באַוויזן צו זיין. און אַזוי פלעגן זיי אָנשפּאַרן אין די קלענסטע שטעטלעך.

כ׳דערמאָן זיך, שפּילנדיק אַמאָל ביי די כּאַשעס, איז די טרופּע פאַרפאָרן צו דעם שטעטל וויערזשבניק אין שלעזיען.

קוים מיט צרות איינגעלאָקירט די טרופּעס מיט די משפּחות אין די צוויי קליינע שטעטל־האָטעלן. עטלעכע מענטשן איינגעאָרדנט אין פּריוואַטע דירות. אויסגערוט זיך און אַוועק אין טעאַטער. די פאָר־שטעלונג האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן 9 אָוונט. אָבער 10 אַזייגער איז נאָך קיין לעבעדיקער נפש ניט געווען אין טעאַטער. אַזייגער 12, ווען די אַקטיאָרן האָבן זיך שוין געקליבן אויסצושמינקעווען, האָט זיך דאָס שטעטל גענומען זאַמלען אין טעאַטער. 1 ביינאַכט האָט מען אָנגעהויבן שפּילן.

ווען אין דרויסן איז שוין געווען גוט ליכטיק, האָבן זיך די אַקטיאָרן מידע אַהיימגעשלעפּט.

די טרופּע האָט ביי די וויערבזשניקער יידן געהאַט גרויס דער־פאָלג און איז אין שטעטל געשטאַנען עטלעכע טעג. אָבער פאַר די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען פלעגט מען שוין באַצייטנס כאַפּן אַ דרעמל ביז אַזייגער 11 אין אָוונט, און דאַן ערשט גיין אין טעאַטער זיך גרימירן.

קדיש האָט אַפילו אין וועג געפירט אַ באַלעבאַטיש־יידישלעך לעבן. איבערהויפּט ווען עס פלעגט קומען פּסח אָדער סוכּות, דאַן פלעגט זיך די משפּחה אויסקלייבן אין שול אַריין, זיך לאָזן געבן אַן עליה. צו די פּסחדיקע סדרים פלעגט קדיש איינלאַדן צו זיך די ניט חתונה־געהאַטע מיטגלידער פון דער טרופּע. אַליין פלעגט ער זיך אַריינזעצן אין אַ פאָטעל און פּראַווען דעם סדר ווי ביי אַלע פרומע יידן.

אַ טראַדיציע איז אויך געווען ביי די קדישעס מוצאי יום־כּיפּור איינצולאַדן די פאַסטנדיקע אַקטיאָרן צום אָפּפאַסטן.

אין 1926 ווען די קדישעס האָבן געשפּילט צוזאַמען מיט שלמה קוטנערן אין טעאַטער „פּאַלאַס" און געוואוינט אין האָטעל ביים טעאַטער, האָבן זיי איינגעלאַדן נאָכן תּענית אַלע פאַסטנדיקע אַקטיאָרן צו זיך, און קוטנער דאַקעגן האָט איינגעלאַדן צו זיך אַלע עסנדיקע, אויף מיטאָג. פּיפּיקע אַקטיאָרן האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און נאָכן אָפּעסן אַ גוטן מיטאָג מיט משקה ביי קוטנערן, געקומען אין אָוונט, כּלומרשט פאַרשמאַכטע „זיך אָפּפאַסטן" ביי די קדישעס.

אין זעלבן יאָר איז אין ווילנע געשטאָרבן דער דעמאָלטיקער סופליאָר פון יידישן טעאַטער צבי־הירש דאַשעווסקי. דאַשעווסקי איז געווען דער איבערזעצער פון לעאָניד אַנדרעיעווס „זיבן געהאַנ־גענע" אויף יידיש. געשטאָרבן איז ער פון שווינדזוכט, פּונקט ערב

יום־כיפור. די כאַשעס האָבן געזאָגט, אַז ער האָט נישט דערלעבט קיין מחילה פון רבונו־של־עולם. ווענלדיק פאַרלייכטערן זיין וועגן צו יענער־וועלט, אָרגאַניזירט קדיש אַ כאָר, וועלכער מאַרשירט פאַרן אָרון און זינגט קאַפּיטלעך תהילים.

די ווילנער יידן, וועלכע האָבן גוט געקענט די ברידער כאַש, האָבן מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף דער טרויער־פּראָצעסיע, וואו פאָרויס פאַרן אָרון האָבן, בראש פון כאָר, מאַרשירט די ברידער כאַש און קדיש האָט אויפן באַס געזונגען: אנוש כחציר ימיו...

קדיש האָט נחמהן האָבן געהאַט צוויי שיינע טעכטער — שיינע און פייגעלע.

די יינגערע פייגעלע האָט שטודירט אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע קלאַוויר. נאָכן פאַרענדיקן די קאָנסערוואַטאָריע איז זי מיט דער כאַש־טרופּע אַרומגעפאָרן ווי אַ פּיאַניסטין־אַקאָמפּאַניאַטאָרין. שפּעטער האָט זי אין פּינסק חתונה געהאַט פאַר אַ דאָקטאָר מעדיצין.

די עלטערע טאָכטער, איז פון דער נאַטור געווען זייער אַ שוואַכע און זיך געלערנט ביי פּריוואַטע לערער, דאַן ווען די טרופּע פלעגט זיך אָפּשטעלן אויף אַ לענגערער צייט אין אַ שטאָט.

קדיש האָט זיך גערעכנט פאַר אַ פאַרמעגלעכן צווישן די אַקטיאָרן. קודם האָבן מאַן און ווייב געאַרבעט כמעט אָן איבעררייס און והשנית, פלעגט קדיש נעמען ביי דער טרופּע אַ געוויסן פּראָצענט פאַר דעם געלט וואָס ער פלעגט אַריינלייגן אין געשעפט אויף רייזע־הוצאות, טעאַטער־לאָקאַלן א. אַנד. חוץ דעם פלעגט ער באַקומען טאַנטיעמע פאַר רעזשי און רעפּערטואַר.

ער האָט אַלץ געטרוימט וועגן אָנקלייבן אַ גרעסערע סומע, כדי אויף דער עלטער זיך צו קענען אָוועקזעצן מיט ווייב און קינדער אין דער הייזקע, וואָס זיי האָבן געהאַט בירושה, אין גראָדנע.

נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־פּוילישער מלחמה איז קדיש אין פּינסק. פון דאָרט קומט ער קיין ווילנע, וואו ער ווערט אַנגאַזשירט אין ווילנער יידישן מלוכה־טעאַטער.

דאָ באַווייזט זיך קדיש אין דער ראָל פון „בערעסט" אין „פּלאַטאָן קרעטשעט" פון אוקראַינישן שריפטשטעלער קאָרנייטשוק און אין „אָשר פיין" אין שלום־עליכמס „200.000".

אין דער צייט באַקומט קדיש אַ ידיעה, אַז זיין עלטערע טאָכטער שיינע האָט חתונה געהאַט אין פּינסק. ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו פאָרן צו דער חתונה צוליב זיין טעאַטער־אַרבעט, לאַדט ער איין אַ טייל פון זיינע נעענטערע טעאַטער־חברים אין רעסטאָראַן אַריין צו וועלפקען [17]. (אַן אַלטער ווילנער יידישער רעסטאָראַן, וואו עס האָבן אין יעדער פרייער שעה פאַרבראַכט יידישע אַקטיאָרן, שרייבער און

קינסטלער. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ווילנע האָט געשטאַפּאָ צוגענומען אים מיט זיין זון און ביי דער לעצטער רייניקונג אין צווייטן געטאָ אויך זיין ווייב). דורכן טעלעפאָן האָבן די קדישעס באַגריסט די טאָכטער צו איר שמחה און ביזן טאָג אַריין, ביי אַ גלעזל משקה געפּראַוועט אין ווילנע די פינסקער חתונה.

ווען די דייטשן זיינען אַריין אין ווילנע, האָט זיך קדיש געפּרוווט לאָזן צו פוס קיין פינסק צו זיין נחמה (וועלכע האָט זיך דאָרט געפונען) ער האָט אָבער געמוזט רעזיגנירן זעענדיק די צוועקלאָזיקייט פון דעם דאָזיקן שריט.

די ערשטע טעג, ווען ווילנע איז נאָך געווען אונטערן האָגל פון באָמבעס, האָט ער צוזאַמען מיט די זיך באַהאַלטנדיקע חברים אין אַ קעלער איינגעטענהט:

— קינדער, ס'איז געקומען דער סוף.

שפּעטער האָט ער צוזאַמען מיט יוסף כאַש און דער משפּחה, צו זייערע קרובים אויף סטראַשון גאַס 15 זיך אַריינגעקליבן.

פון דאָרט האָט מען אים מיט זיין ברודער, בעת דער פּראָוואָקאַציע אין די ערשטע טעג פון יולי 1941, צוגענומען און אַוועקגעפירט אויף לוקישקעס.

זיי האָבן זיך דאָרט געמאַטערט אַ היפּש ביסל צייט. ס'האָבן ניט געהאָלפן קיינע אינטערווענצן.

דער גרעסטער ליטווישער אָפּערן־זינגער קיפּראס פּעטראַוסקאַס, האָט זיך פאַר זיי משתדל געווען — אָבער אומזיסט. ס'האָבן אויך ניט געהאָלפן די תפילות, וועלכע זיי האָבן מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט.

גראָב זיינען די לוקישקער תפיסה־ווענט און שטום איז געווען דער אָרום צו געבעט.

אין אַ זומערדיקן פאַרטאָג האָט מען זיי אַוועקגעפירט קיין פּאָנאַר. אין פּאָנאַר, אין גרעסטן ווילנער ברודער־קבר, האָבן זיי זייער לעצטע רו געפונען.

ווילנער יידישער ליטעראַריש־מוזיקאַליש־דראַמאַטישע סעקציע
א. נ. שלום עליכם (1913)

פרידע וויטאַלין

אין ווילנע, אויף דער דייטשער גאַס 35, ביי אַ „פּאַראַד״ אַריינגאַנג, איז געהאַנגען אַ שילדל:

„פ. שומליסקא, צאָן־דאָקטאָר״.

אין דער הויך אויפן דריטן שטאָק האָט זיך אַרומגעדרייט אַ רירעוודיקע דאַמע אין אַ ווייסן כאַלאַט. פלאָמבעס געשטעלט, ציינער געהיילט און געריסן. פאַר יעדן פון אירע פּאַציענטן אויסער פאַרלייכטערונג אויך אַ גוט וואָרט געהאַט.

פרידאַ וויטאַלינאַ

און מיטאַמאָל זיצנדיק מיט צאָן־ווייטיק אויפן שטול האָט מען זיך אויף דער דאָקטאָרין פאַרקוקט, עפּעס אַ קענטלעך פּנים...

און זי דערזעענדיק דעם פּאַציענטס פאַרוואונדערטן בליק, פלעגט זי זיך צעשמייכלען:

— וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר — פלעגט זי פרעגן.

— אייער געזיכט איז מיר עפּעס אַזוי קענטלעך. וואו האָב איך אייך געזען? וואו האָב איך אייך געקענט זען?

— מיך? פאַרשטייט זיך, אַז איר האָט מיך געזען אין טעאַטער, איך בין דאָך די שוישפּילערין פרידאַ וויטאַלינאַ [18].

בייטאָג פּראַקטיצירט די צאָן־דאָקטאָרין פרידאַ שומליסקאַ, און ביינאַכט פאַרוואַנדלט זי זיך אין דער יידישער שוישפּילערין פרידאַ וויטאַלינאַ.

אַ געבוירענע אין ווילנע. ביי אַ פאָטער אַן עקספּעדיטאָר, דעם 5־טן יוני 1886. אין דער היים באַקומען אַ וועלטלעכע דערציאונג. אין די סטודענטישע יאָרן זיך פאַרנומען מיט רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן. אין די ייִנגסטע יאָרן אין תפיסה געזעסן. צו 21 יאָר איז זי שוין אַ דיפּלאָמירטע צאָן־דאָקטאָרין.

גלייכצייטיק באַטייליקט זיך אין רוסישע און יידישע אַמאַטאָרן־פּאָרשטעלונגען. ערשט אין 1920 טרעפט זי זיך צונויף מיט פּראָפע־סיאָנעלע שוישפּילער. שפּעטער טרעט זי אַריין אין דער „ווילנער טרופּע". מאַכט דורך מיט דער טרופּע אַ טורנע איבער דער גאָרער וועלט. שפּילט אין אַמעריקע אין אַנ—סקיס „טאָג און נאַכט" (די ראָל פון דער מוטער), צוזאַמען מיטן באַרימטן דייטשן שוישפּילער עגאָן ברעכער.

פון אַמעריקע קערט זי זיך אום צוריק קיין אייראָפּע און ווערט אין 1926 אַנגאַזשירט דורך אברהם מאָרעווסקין אין „ריגער נייעם יידישן טעאַטער", וואו זי איז טעטיק ביז 1930. צו יענער צייט געהערן אַ גאַנצע ריי דורך וויטאַלינאַ געשאַפענע פּרעכטיקע סצעניש געשטאַלטן: די „קרעטשמערקע", אין ד. בערקאָוויטשעס „מאַשקע חזיר". אַ באַזונ־דער אויפמערקזאַמקייט האָט זי געצויגן אין דער ראָל פון דער הינער־ניצע אין דימאָווס „יאָשקע מוזיקאַנט". ווי אין דער מאַסקע אַזוי אויך אין דער שפּיל איז דאָס געווען אַ מייסטערווערק. און נאָך און נאָך אַ גאַנצע ריי פּרעכטיקע בינע־פיגורן האָט וויטאַלינאַ אין יענער צייט געגעבן.

וויטאַלינאַ איז געווען אויסשליסלעך אַ דראַמאַטישע אַקטריסע און האָט קיינמאָל ניט געשפּילט אין דעם אַ. ג. „שונד טעאַטער".

בלויז איין מאָל איז זי, נעבעך, נכשל געוואָרן מיט אַ ראָל אין אַ מעלאָדראַמע.

דער אַרטיסט קוטנער האָט צו יענער צייט אין ריגע אויפגעפירט אַ פּיעסע „בערעלע באַסיאַק" און ער האָט וויטאַלינאַן פאַרטיילט דאָרט צו שפּילן פאַר אַ מאַמען.

וויטאַלינאַ האָט די ראָל געשפּילט און אין די פּאַפּירענע פּראַזן אַ לעבעדיקע נשמה אַריינגעגעבן. זי האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט געקענט מוחל זיין וואָס זי האָט זיך געלאָזן איינריידן און געשפּילט אין דער מאַכערייקע.

זי האָט אָבער אירע „זינד" אויסגעקויפט מיט אַ גאַנצע ריי גע־לונגענע געשטאַלטן פון די בעסערע יידישע דראַמאַטורגן.

אַ פיינע „עטי־מעני" איז וויטאַלינאַ אין שלום־עליכמס „200.000". אַ חנעוודיקע „רחל" אין הירשביינס „גרינע פעלדער". אַ פּרעכטיקע באָבע אין אַנ—סקיס „דיבוק". אַ סך געפיל און האַרציקייט איז געווען אין איר ראָל פון דער דינסט אין „קידוש השם" און נאָך אַ גאַנצע ריי פרויען־געשטאַלטן פאַר די 4 יאָר וואָס זי איז געווען אין ריגע.

אין 1931 קומט זי צוריק קיין פּוילן. מאַכט דורך אַ לענגערן טור מיט די „ווילנער". שפּילט די „רביצין" אין אַנ—סקיס „טאָג און נאַכט". „עטי־מעני" אין „200.000", די „מאַדאַם" אין בערגעלסאָנס „דער

טויבער״. אין 1933 קומט זי צוריק קיין ווילנע. רייסט איבער אויף אַ לענגערע צייט דאָס שפּילן טעאַטער און פאַרנעמט זיך מיט איר דאָקטאָר פּראַקטיק און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. צווישן אַנדערע איז זי אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער ווילנער טעאַטער־געזעלשאַפט.

אין 1936 שפּילט זי ווידער אין ווילנער „אונדזער טעאַטער״ צוזאַמען מיט יאַנאַס טורקאָוו. זי שאַפט דאַן איינע פון אירע בעסטע סצענישע געשטאַלטן: די ראָל פון דער לערערין ווימער אין פעדאָרס „מאַטורע״.

נאָך יאַנאַס טורקאָווס אָפּפאָר פון ווילנע, הערט זי ווייטער אויף צו שפּילן רעגולער יידיש טעאַטער ביז דער גרינדונג פון „ייקטאוו״ (יידישער קונסט טעאַטער אין ווילנע) אין 1939.

אין דעם אַנסאַמבל פאַרנעמט זי איינע פון די אָנפירנדיקסטע ערטער.

מיט דער גרינדונג פון יידישן מלוכה־טעאַטער איז וויטאַלינאַ אַ מיטגליד פון דעם שעפערישן אַנסאַמבל פון טעאַטער. זי באַווייזט זיך אין די מאַמע־ראָלן פון די פּיעסן: „פלאַטאָן קרעטשעט״ און „מיין זון״ און אין אַ ריי קלענערע ראָלן.

צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש ווערט זי אַרעסטירט און אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר טעג אין לוקישקער תפיסה.

נאָכן פאַרנעמען ווילנע דורך די דייטשן ווערט זי אין די ערשטע טעג אַרעסטירט, אָבער אויך דאָס מאָל שפּילט איר צו דער מזל און מען באַפרייט איר.

זי אַרבעט צוערשט אין דער צווייטער געטאָ אין געזונטהייטס־אָפּטיילונג, און גייט שפּעטער אַריבער אין דער ערשטער געטאָ, וואו זי אַרבעט אויך אַ לענגערע צייט אין געזונטהייטס־אָפּטיילונג. ווען מען פירט אָבער די מענטשן אָן פאַך־שיינען אַריבער אין דער צווייטער געטאָ, ווערט וויטאַלינאַ, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע אַרטיסטן, אַריבערגעפירט אַהין. אַ פּאָר טעג האָבן זיי זיך באַמיט פון דאָרטן אַרויסצובאַקומען, אָבער ס׳איז זיי ניט געלונגען.

אין אַ טרויעריקן סעפּטעמבער־פרימאָרגן האָט דער בינע־אַר־בעטער שלמה פיינבערג, וועלכער האָט זיך דאַן אויסבאַהאַלטן אין דער איינהייט וואו ער האָט געאַרבעט, געזען ווי דורך דער לעגיאָ־נאָווער גאַס האָט מען געפירט יידן אין דער ריכטונג פון פּאָנאַר.

צווישן זיי — אַ גאַנצן שורה אַרטיסטן, מיט ווייב און קינדער געאָרעמט, און אין דער מיט, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, האָט געשפּרייזט פרידאַ וויטאַלינאַ.

ניקאָלײַ עליאַשעוו

אַ זון פון קריטיקער בעל מחשבות־עליאַשעוו. אַ נידעריקער שוואַרצער יונגערמאַן. געהאָדעוועט זיך אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד. יידיש זייער שוואַך באַהערשט [19]).



ניקאָלאַי עליאַשעוו

קיין ווילנע איז ער געקומען פון קאָוונע, וואו ער האָט אַלס פּליט פון דייטשלאַנד געוואוינט.

געשטאַנען בראש פון „ייקטאוו" אין 1939 — 1940. (יידישער קינסטלערישער טעאַטער אין ווילנע).

אין דייטשלאַנד אין אָנהויב פון היטלער רעזשים געווען רעזשיסער אין יידישן קולטור־בונד.

אין „ייקטאוו" האָט ער אויפגעפירט אהרן צייטלינס „אין קיינעמס לאַנד" און לייב מלאכס „מיסיסיפּי". פאַר די סאָוועטן רעזשיסירט פּיעסן אין ווילנער יידישן מלוכה־טעאַטער.

אַ מאָדנער מענטש געווען, נאָך גאָר אַ יונגער. לויטן אויסזען אַ יאָר 30. אַ פאַרשלאָסענער אין זיך. ווי אַ רעזשיסאָר האָט ער אויף די שוישפּילער אַ שוואַכן איינדרוק געמאַכט, ער האָט אַ סך געוואוסט, אָבער טעאָרעטיש. פּראַקטיש דערקלערן און אָנווייזן איז אים אָנגעקומען זייער שווער. איבערהויפּט אין יידישע פּיעסן איז ער געווען הילפלאָז. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ גר וואָלט אַריין אין טעאַטער.

און וואָס שווערער ס'האָט זיך אים געגעבן זיינע אידייען דורכצופירן אויף דער בינע, אַלץ מער פלעגט ער נעמען שרייען. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דורך געשרייען וועט ער אפשר זיינע צילן דערגרייכן. דער רעזולטאַט איז געווען אַ פאַרקערטער.

און כאָטש ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אין מלוכה־טעאַטער אַלס

הויפּט־רעזשיסער, האָט ער ביסלעכווייז דאָרט געמוזט פאַרנעמען אַ צווייטן אָרט. דאָס האָט אים זייער געקרענקט. און האָבנדיק נאָך פון פריער אַ נייגונג צום ביטערן טראָפּן, האָט ער אַלץ מער און מער גענומען טרינקען.

אין ווילנע האָט ער אויפגעפירט: קושניראָווס „הירש לעקערט" און דאָברושינס „דאָס געריכט גייט". די צווייטע אויפפירונג איז מורא־דיק אַדורכגעפאַלן און מער האָט מען אים אין מלוכה־טעאַטער ניט געגעבן קיין מעגלעכקייטן צו שטעלן פּיעסן.

ווען די דייטשן זיינען אַריין אין ווילנע, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן ביי זיינע ניט־יידישע חברים, אָבער ניט אויף לאַנג.

זיך אַרומגעבלאָנקעט פון איין דירה אין דער אַנדערער. צום געטאָ איז ער שוין ניט דערגאַנגען. ס'איז ניט געלונגען פעסטצושטעלן וואו ער איז אַהינגעקומען.

זיין ירושה — אַן אַלבאָם מיט בילדער פון זיינע אויפפירונגען פון דייטשלאַנד און ליטע, — האָט מען מיט זיין גאַנצן אַרכיוו צוגענו־מען און באַהאַלטן אין דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ווילנע.

יי.ק.ט.א.וו. — יידישער קינסטלערישער טעאַטער אין ווילנע (1939-1940)

מוסיע סמאַרגאָנסקי

אין 1922 איז קיין ווילנע אַראָפּגעקומען פון פוילן אַ יידישע אָפּערעטן־טרופּע בראש מיט יאַדזיע זילבורג. די טרופּע האָט דאָן געשפּילט די אָפּערעטע „יאַנקעלע״.

דער „בלומענוועג"
מוסיע סמאַרגאָנסקי און ל. קאַסווינער

אָפּגעשטעלט האָט זיך די טרופּע אין דעמאָלטיקן טעאַטער „עדען״ (אויף ברייטער גאַס).

מיט דער טרופּע איז אויך געקו־מען אַ שוואַרץ־חנוודיקע שלאַנקע פריילין מוסיע קורץ.

אַ שוואַכע שוישפּילערין, אָבער דערפאַר האָט זי זיך אונטערשיידט פון די איבעריקע מיטגלידער מיט איר ניט דורכשניטלעכער אינטע־ליגענץ.

אַן אָפּשטאַמיקע פון גאַליציע. דערצויגן ביי עלטערן גוט־באַזיצער. האָבן זיי זייער בת־יחידה געשיקט שטודירן אין גרויסן לעמבערג. דאָרט האָט זי איינציייטיק מיטן לער־נען אָנגעהויבן שפּילן צו ביסלעך אין טעאַטער. ביז זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס וואַנדערן פון שטאָט צו שטעטל, און אַזוי איז זי אָנגעקומען קיין ווילנע.

אין דער געביידע פון טעאַטער „עדען״ וואו עס איז אַמאָל געווען אַ פּריוואַטע האַנדלס־באַנק, האָט אין אַ לוקסוס־דירה געוואוינט דער געוועזענער באַנק־דירעקטאָר גריגאָרי סמאָרגאָנסקי.

אַן אַלטער קאַוואַליער און דאָן זשואַן. אַ קונסט־קענער און טעאַטער־ליבהאָבער. האָט ער אין זיין דירה געהאַט אַ פענצטער, וואָס איז

אַרויסגעקומען אין טעאַטער־זאַל פון „עדען". אַזוי, אַז זיצנדיק ביי זיך אין שטוב האָט ער געקענט זען אַלע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. פון דער נאַטור אַן אַדלמאַן און גוטער מענטש, האָט ער מיטגעפילט און געהאָלפן די יידישע אַקטיאָרן אין זייערע נויטן.

ס'האָט געטראָפן אַז שוישפּילער האָבן ניט געהאַט אין וואָס אויף דער בינע צו שפּילן. פלעגט זיי סמאָרגאָנסקי איינלאַדן צו זיך, עפענען זיינע שאַפעס און פון זיין פּערזענלעכער גאַרדעראָב אויסבאָרגן אָדער אינגאַנצן אַוועקשענקען זיינע בעסטע זאַכן פאַר דער טעאַטער־פאָר־שטילונג.

סמאָרגאָנסקי האָט פון זיין שטוב־לאָזשע באַמערקט די יונגע מוסיע קורץ און ער האָט זיך מיט איר פאַראינטערעסירט.

די אַקטיאָרן האָבן די אינטעליגענטע פריילן ניט שטאַרק ליב גע־האָט און מען פלעגט אויסמיידן איר צו געבן שפּילן אַ לייטישע ראָל.

סמאָרגאָנסקי באַקענט זיך מיט מוסיען און דאָס ענדערט די גאַנצע סיטואַציע...

אַ דאַנק זיין פּראָטעקציע האָט דער דעמאָלטיקער רעזשיסער פון טעאַטער, לייב שריפּטזעצער, גענומען לייגן מער אַכט אויף מוסיע קורץ. צוטיילן איר אַ בעסערע ראָל. מער אַרבעטן מיט איר איבער דער געגעבענער ראָל. און אַזוי אַרום האָט מוסיע זיך גענומען אויס־טיילן פון אַנסאַמבל.

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און די שוישפּילערין מוסיע קורץ איז געוואָרן די פרוי פון געשוואָרענעם בערזע־מעקלער גריגאָרי סמאָר־גאָנסקי.

אין קורצן ווערט זי אויך די מאַמע פון זיין איינציקן זון.

די באַשיידענע אַרטיסטין איז גאָר גיך אַריין אין דער לעבנס־ראָל פון דער מאַדאַם סמאָרגאָנסקי.

סמאָרגאָנסקי פירט איר אַריין אין זיין אַריסטאָקראַטישער פאַ־מיליע, אין קרייז פון אינזשינערן און דאָקטוירים. מוסיע באַהערשט גאָר גיך די רוסישע שפּראַך וואָס איז געווען די סאַלאָן־שפּראַך פון די סמאָרגאָנסקיס. זי נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין זיין געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישער אַרבעט און ציט זיך ביסלעכוויין אַרויס פון דער טעאַטער־וועלט.

זי שפּילט בלויז פון צייט צו צייט, ווען עס קומט אַ בעסערער דראַמאַטישער אַנסאַמבל פאַר איר אייגענעם פאַרגעניגן וועגן.

און פּונקט ווי פריער ביי איר מאַן, אַזוי אויך איצט ביי זיי אַן אָפענע שטוב פאַר שוישפּילער און קינסטלער. זיי אָרדענען איין ביי זיך גלעזלעך טיי, אויף וועלכע עס טרעפן זיך צונויף די בעסטע כוחות פון דער ליטעראַריש־קינסטלערישער ווילנע.

די ווענט פון זייערע צימערן ווערן אַלץ מער פֿאַרהאַנגען מיט בילדער און גראַוויורן פון באַרימטע מאָלער.

דאָס לעבן פון דער גרויס־שטאָטישער דאַמע האָט זיך דער סמאָר־גאָנסקין אַלץ מער און מער איינגעגעבן. זי האָט זיך זייער גוט איינ־געלעבט אין דער אַטמאָספערע. ס׳וואַקסט ביי זיי אַ שיינער זון און זי גיט זיך אָפּ מיט זיין דערציאונג.

און וואָלט דער גורל ניט איבערגעדרייט דעם נאָרמאַלן לעבנס־וועג פון בערזע־מעקלער גריגאָרי סמאָרגאָנסקי, וואָלט מוסיע אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן טעאַטער.

אין די יאָרן 1933־1934 ווערט אין פּוילן פֿאַרשאַרפֿט די אַנטי־יידישע עקאָנאָמישע פּאָליטיק. די געציילטע יידן, וועלכע האָבן נאָך געאַרבעט אויף רעגירונגס־פּאָסטנס פֿאַרלירן איינציקווייז זייערע שטע־לעס. אין 1935 פֿאַרלירט דער געשוואוירענער בערזע־מעקלער גרי־גאָרי סמאָרגאָנסקי זיין אַרבעטס־פּלאַץ. און זיין מאַטעריעלער וואויל־שטאַנד פֿאַלט שנעל באַרג אַראָפּ. ווי אַ צוגאָב אַנטוויקלט זיך ביי גריגאָרין אַן אַנגינאַ פון האַרץ.

ער גיט זיך נאָך ניט אונטער. צו די איינגעפּירטע גלעזלעך טיי ווערן נאָך אַלץ איינגעלאַדן געסט צו די סמאָרגאָנסקיס. אָבער ביסלעכ־ווייז קריכט דער דלות אַרויס. עס ווערן פֿאַרשוואונדן ווערטפולע ביל־דער פון די ווענט. אַלטע אַנטיק־זאַכן ווערן בסוד אַרויסגעטראָגן און פֿאַרקויפֿט...

מוסיע, וועלנדיק אַרויסהעלפֿן איר קראַנקן מאַן, דערמאָנט זיך אָן איר פֿאַך. זי גייט צוריק אין טעאַטער.

און כאָטש דער טעאַטער איז זעלטן געווען אַ פעסטער מקור פון פּרנסה, האָט זי אָבער דאָך אַזוי אַרום געקאָנט לינדערן זייער שווערע מאַטעריעלע לאַגע.

מוסיע שפּילט אין 1936 צוזאַמען מיט יאָנאַס טורקאָוו און דיאַנאַ בלומענפעלד אין „אונדזער טעאַטער״. פֿאָרט אַרויס מיט אַ וואַנדער־טרופּע אין דער פּראָווינץ. די געשעפֿטן פון דער טרופּע זיינען אָבער אַזוינע שלעכטע, אַז מוסיע סמאָרגאָנסקי, אַנשטאָט צו שיקן געלט אַהיים, פֿאַרקויפֿט אירע אייגענע קליידער אויף הוצאות זיך אומצוקערן אַהיים.

זי פּרוּווט נאָך פון צייט צו צייט שפּילן אין ווילנע מיט גאַסטראָ־לירנדיקע טרופּעס. קיין גרויסע מאַטעריעלע הילף האָט זי אָבער ניט דערפֿון.

אין 1938 שפּילט זי מיט מיטן „ניי־טעאַטער״. אין 1939, אין די ליטווישע צייטן, איז זי איינע פון די איניציאַטאָרינס און פּירנדיקע אַרטיסטינס פון „ייקטאוו״.

בכלל האָט סמאָרגאָנסקי געהאַט מער אָרגאַניזאַטאָרישע פעאי־קייטן ווי סצענישע. אין נויט האָט זיך אין איר אויפגעוועקט איר אָפשטאַם, די ערד־אַרבעטער, וועלכע זיינען צו פּראַצע געווען געוואוינט און האָבן דאָס אייגענע אין איר פאַרפּלאַנצט.

מיטן גרינדן פון מלוכה־טעאַטער איז זי אַפילו אַ קאַנדידאַט אויפן דירעקטאָר־פּאָסטן.

פאַרן דירעקטאָר ווערט אָבער באַשטימט, דער קאָוונער שרייבער דוד אומרו, און זי ווערט דער פאָרזיצער פון אַרבעטער־קאָמיטעט. פאַר דער צייט פון דער עקסיסטענץ פון מלוכה־טעאַטער, שפּילט דאָרט סמאָרגאָנסקי די בעסטע, און די גרעסטע ראָלן פאַר דער צייט פון איר טעאַטער־קאַריערע.

דאָס איז געווען אין דאַניעלס „יוליס". געשפּילט האָט זי די ראָל פון דער אָנפירערין פון די פּאַרטיזאַנער: אַננאַ באָגדאַנאָוויטש. די ראָל האָט איר זייער געפּאַסט. דאָס איז אַ ראָל פון אַ פרוי אַ קאָמאַנדיר, מיט מענערישער האַלטונג און ווילן. און סמאָרגאָנסקי איז מיט איר גאַנג און האַלטונג אַפילו אין פּריוואַטן לעבן געווען מענעריש...

זי האָט די ראָל זייער ליב געהאַט און זיך מיט איר געגרויסט...

זי האָט אויך באַוויזן צו שפּילן דעם „נאצמען" אין דאָברושינס „דאָס געריכט גייט", און די מאַדאַם אין שלום־עליכמס „200.000".

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ווילנע איז זי מיט איר קראַנקן מאַן אַריין אין געטאָ.

זייער איינציקן זון האָט מען נאָך אַרעסטירט פאַרן געטאָ, און וואָס מיט איז געוואָרן האָבן זיי ניט געוואוסט.

אין געטאָ האָבן זיי זיך זייער שטאַרק געמאַטערט. דער מאַן איז מערסטנס געלעגן אין שפּיטאָל און זי איז אַרומגעלאָפן זוכן מיטלען צום לעבן.

ניט געקוקט אויף איר פּערזענלעכע שווערע נויט, האָט זי לויט אירע באַשיידענע מעגלעכקייטן אַרויסגעהאָלפן די נאָך מער נויט־באַדערפטיקע חברים. געהאָלפן זיך לעגאַליזירן, באַקומען שיינען, זיך אַליין האָט זי אָבער ניט פאַרזאָרגט...

דערפילנדיק די אָנקומענדיקע געפאַר, האָט זי ווי אַ פויגל פון שטייג זיך געוואָלט אַרויסרייסן, אָבער ביים טויער איז געשטאַנען אַ שטאַרק באַוואָפנטע מאַכט און ווער עס זאָל פון דרויסן העלפן איז ניט געווען.

עטלעכע טעג זיינען זיי פאַרשפּאַרטע אין דער צווייטער געטאָ געזעסן...

צוזאַמען מיט אַ גרעסערער גרופּע יידן האָט מען זיי אַוועקגע־פירט אין דער ריכטונג פון פּאָנאַר...

משה זעלוועך

אין 1931 האָט מען אין לאָדזשער „סקאַלאַ״־טעאַטער, געבראַכט צו שפּילן די ראָל פון „פּרץ״ אין לייוויקס „קייטן״ — אַ יונגן מאַן פון אַ יאָר 20, אַ ברייטבייניקן מיט שוואַרצע האָר און ברענענדיקע אויגן.

אַ לעדער־אַרבעטער, האָט ער געזאָגט איז ער. שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ער איז געווען אַ מעכאַניקער שוסטער אין אַ שוך־פאַבריק. אַ באַשיידענער, שטילער בחור, האָט ער זיך פון יעדן לערנען געלאָזט און דערפאַר האָבן אים אַלע ליב געהאַט. מיט איין מאָל איז ער אָבער פאַרשוואונדן געוואָרן. קיינער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס און וואוהין.

יאָרן, האָט קיינער ניט געהערט פון אים. וואַנדערנדיק איבער שטאָט און שטעטל האָב איך איין מאָל אָן אַפיש דערזען: „דער באַרימטער וואַרשעווער „יונג־טעאַטער״ בראש מיט משה זעלוועך וועט אויפטרעטן אין דער שלאָגער־פּיעסע, וואָס איז געגאַנגען איבער 200 מאָל — „דאָס לעבן רופט״. כ׳האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און אויפגעזוכט זעלווערן. ער האָט זיך געוואַלדיק פאַרענדערט. דיק געוואָרן. אין אַ שרייענדיקן טאַנדעט־אַנצוג מיט אַ בונטן שניפּס, אַ טיפּישער פּראָווינץ־אַקטיאָר.

— איר פאַרשטייט — האָט ער מיר דערקלערט — צווישן פּראָפע־סיאָנעלע אַקטיאָרן קאָן איך זיך ניט אויסלעבן, מען לאָזט ניט צו צום פּסוק. דאָ בין איך באַלעבאָס, וויל איך, שפּיל איך דעם פּראָפעסאָר אין „דאָס לעבן רופט״, וויל איך, רעציטיר איך, וויל איך זינג איך. איך פאָר מיט מיינע יאָטן איבער שטעטלעך, מערסטנטייל וואו קיין פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס קומען ניט צו.

ביי אייך איז סאַמבערג קייסער, און דאָ איז — משה זעלוועך.

מיט זיינע יאָטן, מערסטנטייל אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן אַוועק, האָט ער פּער אַקס זיך געשלעפּט איבער די קלענסטע יידישע ישובים און דאָרט זייער קונסט געוויזן.

לייכט ווי אַ פויגל און פריי ווי דער ווינט, איז די כאַלאַסטרע געווען.

אַלץ וואָס ס׳פלעגט אין דער גרויס שטאָטישער פרעסע אָנאָנסירט ווערן, — איז תיכּף ביי זיי אויפן אַפּיש אַרויף.

האָט געטראָפן אַז אַ וואַרשעווער וואַיאַזשאָר פלעגט אַמאָל אין קליין שטעטל פאַרוואָגלט ווערן און צו זעלווערן אין טעאַטער אַריינ־פאַלן, פלעגט ער אָפט דאָס שטיק וואָס ער האָט אין וואַרשע געזען, ניט דערקענען...

— נישקשה, — פלעגן אים אָבער חברה טרייסטן נאָך דער פאָר־שטעלונג, — ביי אונדז זיינען די ריכטיקע „שטיקער״, מיר באַקומען זיי דירעקט פון אַמעריקע...

אַזוי האָט זעלווער מיט זיין טרופּע אַרומגעוואַנדערט אַ קאַרגן יאָרצענדליק ביזן אויסבּרוך פון דער פויליש־דייטשער מלחמה. ער האָט אין וועג באַוויזן חתונה צו האָבן מיט דער ווילנער טענצערין נאַדיע ראַדינאַ.

די מלחמה האָט זיי געטראָפן אין וועג. זיינען זיי צו אים אַהיים געלאָפן קיין לאָדזש. דאָרטן האָבן אים תיכּף די דייטשן צו שווערער אַרבעט געכאַפּט. גראָבן גריבער, שלעפּן משאות — אָבער עסן גע־געבן. אַ פעסטער יונג, האָט ער לייכט אַלע אַרבעטן אַריבערגע־טראָגן.

איין מאָל האָט אַ לאָדזשער שטאַרקער יונג, אַ בלאָסער, וועלכער האָט זעלווערן אַלס אַרטיסט געקענט, דערזען ווי זעלווער שלעפּט אויף זיך אַ שווערע משא און הינטער אים אַ ריזיקער זעלנער מיט אַ רע־וואָלווער.

— „נו, זעלווער — האָט זיך אָנגערופן דער שטאַרקער אויפן באַלוטער לשון — וויַיז איצט אַ קונץ, שפּיל בר־כוכבא!״

שווער איז געווען דער יאָך און דער וואַנדערנדיקער אַקטיאָר האָט זיין ווייב גענומען און פון לאָדזש אַנטלאָפן.

אויפן וועג האָט מען זיי אַ פּאָר מאָל פאַרהאַלטן, אָבער ווען זיי האָבן דערקלערט אַז זיי זיינען „אַרמע וואַנדער־שוישפּילער״ האָט מען זיי ווייטער געלאָזט גיין און אַזוי האָבן זיי זיך פּאַוואָליע צו ווילנע דערשלעפּט אין 1939, ווען עס זיינען דאָ צום ערשטן מאָל די סאָ־וועטן געקומען.

ווען די סאָוועטן האָבן ווילנע צו די ליטווינער איבערגעגעבן, און עס האָט זיך דאָרט אָרגאַניזירט אַ יידיש טעאַטער, וועלכער האָט אויפגעפירט אהרן ציייטלינס „אין קיינעמס לאַנד״, האָט זעלווער די הויפּט־ראָל געשפּילט און זיך שטאַרק אויסגעצייכנט. וואָרעם ווער נאָך אַזוי ווי ער, האָט שוין געהאַט דורכגעפילט דעם טעם פון „קיינעמס לאַנד״ אויף די אייגענע פּלייצעס.

אין אַלע אויפפירונגען פון טעאַטער אין 1939 האָט זעלווער גע־

האָט דעם גרעסטן דערפּאָלג. דער טעאַטער האָט זיך רעקרוטירט פון אַמאַטאָרן, ווייל די פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער זיינען פון ווילנע מיט אַ קליין־קונסט טעאַטער אַרויסגעפאָרן. מיטן צוריקקומען פון דער סאָוועטן־מאַכט האָט זיך אין ווילנע אָרגאַניזירט דער יידישער מלוכה־טעאַטער, אין וועלכן עס זיינען אַריין אַלע פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער און די פעאיקסטע אַמאַטאָרן.

די ערשטע פאָרשטעלונג „הירש לעקערט". און דאָ האָט דער לאָדזשער שוסטער משה זעלווער דעם ווילנער שוסטער הירשקע געשפּילט. עס האָט זיין לייבן־שטימע אַרויסגעשריען די ליידן און פּראָטעסט פון דעם געשמיסענעם ווילנער שוסטער. זעלווערן האָט מען צום פּסוק צוגעלאָזן... און ער האָט זיך באַוויזן.

און געשטאַלט נאָך געשטאַלט האָט ער געשאַפן איינע שטאַרקער פון דער צווייטער. יאַנקל אַס, אין „יוליוס", דער פאָטער אין „מיין זון". אומעטום האָט זעלווער זיין ניט אויסגענוצטן טעמפּעראַמענט פריי געלאָזט, און געוואַקסן. און וואָלט די קאַטאַסטראָפע פון 21־טן יוני 1941 ניט געקומען, וואָלט ער צו אַ העכער מדרגה דערגרייכט.

איינמאָל פון שונא אַוועק, דעם צווייטן מאָל האָט עס זיך ניט איינגעגעבן. דעם 12־טן יולי האָבן זיך צו זעלווערן אין שטוב (אויף מילאָסערנע 6), דייטשן אַריינגעריסן, צונויפגענומען אַלע מענער, זיי געבראַכט אין בערנאַרדינער גאָרטן און דאָרט פאַרשלעפּט — וואוהין ?...

נאַדיע כאַדין

געבוירן אין ווילנע ביי באַלעבאַטישע עלטערן. דער פֿאָטער איז אַ לענגערע צייט געווען דירעקטאָר פֿון אַ פּוילישן מיניאַטור־טעאַטער און קינאָ־אייגנטימער.

אַלס קינד נאָך האָט מען די קליינע נאַדינקע אין דער ווילנער טאַנץ־סטודיע פֿון העלענע לאַשקעוויטש אַריינגעגעבן. זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ זייער טאַלאַנטירטע שילערין. נאָך גאָר יונג האָט זי אָנגעהויבן פֿאַרן עולם אַרויסצוטרעטן. פֿריער אַלס שילערין און שפּעטער אַלס זעלבסטשטענדיקע טענצערין אין פֿאַרשיידענע טאַנץ־אַנסאַמבלען.

צוזאַמען מיט איר לערערין לאַשקעוויטש, מאַכט זי דורך אַ טורנע איבער דער וועלט, שפּאַרט אָן אַזש קיין גריכנלאַנד.

נאָכן צוריקקומען, טרעט זי אויף מיט טאַנץ־אילוסטראַציעס אין פֿאַרשיידענע יידישע טעאַטער־פֿאַרשטעלונגען. צווישן אַנדערע: אין זיגמונד טורקאָווס אויפֿפירונג פֿון „שבתי צבי", אין 1925 אין ווילנער שטאָט־זאַל. שפּעטער אַ לענגערע צייט אויפֿגעטראָטן אין ווילנער „אונדזער טעאַטער". צו יענער צייט זיך אויסגעצייכנט אין טאַנץ „מאָרפֿיום" וואו זי האָט אַרויסגעוויזן אַ סך עקספּרעסיע און שוי־שפּילערישן פֿאַרשטאַנד. אויפֿגעטראָטן אין פּוילישע רעוויעס, אַחוץ טאַנצן אויך געפּראָוווט אַ ביסל זינגען.

שפּעטער אַרומגעפֿאָרן איבער שטעט און שטעטלעך אין פּוילן וואו זי איז אויפֿגעטראָטן אויך אין נאַכט־לאָקאַלן.

אין לובלין האָבן איר שוישפּילער פֿון אַ יידישער וואַנדער־טרופּע איבערגערעדט זי זאָל אַריינטרעטן צו זיי אין אַנסאַמבל. זי פּראָוווט חוץ טאַנצן, שפּילן קליינע ראָלן אין פֿאַרשיידענע מעלאָדראַמעס. איר שיין פּנימל האָט אָפּט פֿאַרדעקט אירע שוואַכע אויפֿטריטן.

האָבנדיק רוטין פֿון אירע טאַנץ־אויפֿטריטן לעבט זי זיך לייכט איין אין דער סביבה פֿון טעאַטער און ווערט ביסלעכווייז אַ גאַנץ סימפּאַטישע שוישפּילערין. אמת דאָס לעבן פֿאַר איר ווערט אַ ביסל שווערער. אין יידישן טעאַטער פֿאַרדינט מען ניט אַזוי גוט ווי אין אַ נאַכט־לאָקאַל אַלס טענצערין. די לאָקאָמאָציע באַדינגונגען זיינען

אויף אַ סך שווערערע. אָפּט קומט אויס היפּשע קילאָמעטער צו שלעפּן זיך מיט אַקס, אָבער דאָס אַלץ פֿאַרבייט די האַרציקע יידישע סביבה, שטענדיק צווישן אייגענע.

אין וועג טרעפט זי זיך צונויף אין אַ וואַנדער־טרופּע מיטן אַרטיסט משה זעלווער און אין איין פֿרימאָרגן שטעלן זיי אַ חופּה ביים לאָדזשער רב.

מיטן אויסברוך פֿון דער פּויליש־דייטשער מלחמה, האָט זיך ראַדינאַ מיט איר מאַן קיין ווילנע דערשלעפּט. געאַרבעט צו ביסלעך אין רעווי טעאַטער „רעמיקאָט" און אין מלוכה־טעאַטער. ווען די דייטשן זיינען אין ווילנע אַריין, איז איינער פֿון די ערשטע צוגענומען געוואָרן איר מאַן משה זעלווער, איבערלאָזנדיק איר אין אַנדערע אומשטענדן.

אין געטאָ איז זי אַריין מיט אַ צוויי וואָכיק עופּעלע אויף די הענט. דאָ האָט זי דורכגעמאַכט דעם „זיפּ־פּעריאָד", פֿון איין געטאָ אין צווייטן האָט מען איר מיטן קינד אַריבערגעוואָרפֿן, ביז אַן אויסגעמאַטערטע, האָט זי מער קעמפֿן ניט געקענט. דעם גורל זיך אונטער־געגעבן.

פֿון דער צווייטער געטאָ האָט מען די יונגע מאַמע מיט איר קינד, צום לעצטן שפּאַציר געפֿירט...

אונדזער דראַמאַטישער ווינקל
שטעמפּל פֿון אַ באַקאַנטן ווילנער דראַמקרייז

שמעון זאַבלאָצקי

אין 1908 איז אין דער משפּחה פון מעבל סטאָלער זאַבלאָצקי געבאָרן געוואָרן אַ יינגל, וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן שמעון.

געהאָדעוועט האָט זיך דער קליינער שמעון אין ווילנער פאָרשטאָט אַנטאָקאָל. זיינע חברים—מערסטנ־טייל אָרעמע קריסטלעכע אַרבעטער־קינדער.

שמעון זאַבלאָצקי

אין טאַטנס וואַרשטאַט פלעגט ער שוין אין די פריסטע יאָרן זיך שפּילן מיט הובל און זעג. גאָר יונג האָט ער זיך דעם פאַך אויסגעלערנט.

געגאַנגען אין חדר און אין אַ פאָלקשול. אין דער שול האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען אַ קינ־דער־פאָרשטעלונג און ס'איז אים זייער שטאַרק געפעלן. ער האָט באַ־שלאָסן, ווען ער וועט אויסוואַקסן וועט ער אומבאַדינגט זיין אַן אַק־טיאָר אין טעאַטער.

נאָר ווען ער איז שפּעטער געווען צום ערשטן מאָל אין אַ קינאָ און דערזען אַ פילם האָט עס אין אים געמאַכט אַן איבערקערעניש.

— יאָ, פילם איז זיין אמתער באַרוף...

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע פון קרימענישן ביים שפּיגל. אין שפּיגל פלעגט ער דורך פאַרשיידענע פּאָזעס זיינע געפילן אויס־שפּילן...

ווי נאָר ער איז צו זיין אייגענעם ערשטן גראָשן געקומען, איז ער אַוועק צו אַ פאָטאָגראַף אויספּרובירן זיין פאָטאָגענישקייט...

ער האָט זיך געלאָזט מאַכן אויפנאַמען אין פאַרשיידענע פּאָ־זעס און ס'פלעגט אים טאַקע געלינגען. ער האָט געהאַט זייער אַן אויסדרוקספול געזיכט. אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן, אַ גלייכן נאָז, די אונטערשטע ליפּ אַ ביסל אַרויסגעשטאַרטשעט און אַ גרויסע טשו־פּרינע האָר.

שפּעטער, האָט ער אָנגעהויבן צו שיקן זיינע פֿאָטאָגראַפֿיעס אין פֿאַרשיידענע פֿילם־זשורנאַלן. זוכנדיק אַ מעגלעכקייט אַזוי אַרום אַריינצוטרעטן אין אַ פֿילם סטודיע.

ווען אין ווילנע איז אין 1928 אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פֿאָטאָגענישער קאָנקורס איז צווישן די אויסגעצייכנטע געווען שמעון זאַבלאָצקי.

גלייכצייטיק הייבט ער אָן שפּילן אין פֿאַרשיידענע אַמאַטאָרן־קרייזן.

פֿון צייט צו צייט געלינגט עס אים צו שפּילן אַ קליינע ראָל אין פּראָפֿעסיאָנעלע טרופּעס.

אַזוי באַטייליקט זיך זאַבלאָצקי אין 1933 אין די פֿאָרשטעלונגען פֿון יאָנאַס טורקאָוו אין ווילנער פֿאָלקס־טעאַטער. שפּעטער, שפּילט ער אין מאָרעווסקיס אויפֿפֿירונג פֿון „גענעראַל פֿאָן העלענדאָרף”. און דער דירעקטאָר פֿון ווילנער פֿאָלקס־טעאַטער, זעליק אַס, נעמט אים מיט צו שפּילן אין דער זעלבער אויפֿפֿירונג מיט מאָרעווסקין אין וואַרשע... אָבער דאָרט צעפֿאַלט זיך דער אַנסאַמבל.

זאַבלאָצקי פֿאָרט אַרויס אין אַ טורנע איבער דער פּראָווינץ אין אַ טרופּע בראָש מיט מאָרעווסקין, וואו זיי שפּילן די פּיעסע פֿון ביל־בעלאָצערקאָווסקי „דאָס לעבן רופֿט”.

דער אַנסאַמבל צעפֿאַלט זיך אָבער ווידער און זאַבלאָצקי קערט זיך אום קיין ווילנע.

די טרופּע איז צעפֿאַלן איבער פֿאָלגנדער פֿאַסירונג:

געווען איז דאָס אין שטעטל יענדזשעיעוו. ווען מאָרעווסקי איז געקומען אין גאַרדעראָב זיינען אַלע ערטער שוין געווען פֿאַרנומען דורך די איבעריקע שוישפּילער. מאָרעווסקי האָט געבעטן מען זאָל אים אויך געבן אַ שטיקל אָרט זיך צו גרימירן. פֿון אָנהייב האָט מען זיך געמאַכט ניט הערנדיק און דערנאָך האָט איינער פֿון די שוישפּי־לער, יעקב קורלענדער, אַגב אַ געוואַלדיקער חוצפּהניק, אים געזאָגט, אַז ס׳איז אַוועק די צייט פֿון סטאַרן און אָפּגעבן כּבֿוד... אַ וואָרט פּאַר אַ וואָרט און מאָרעווסקי, וועלכער איז בכלל געווען זייער אַן אימפּולסיווער, איז אַנטלאָפֿן פֿון טעאַטער ווי ער שטייט און גייט, און האָט אַזוי אַרומגעשפּאַצירט אַ גאַנצע נאַכט איבער די באַן־פּלאַנטן פֿון שטעטל...

דער עולם האָט אָבער געמאָנט מאָרעווסקין און ווען ער האָט זיך ניט געוויזן, האָבן זיי אויסגעפּייפֿט די שוישפּילער, וועלכע האָבן גע־וואָלט פֿאַרבייטן די פֿאָרשטעלונג מיט אַן אימפּראָוויזירטן קאָנצערט.

אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט זאַבלאָצקיס ערשטע טורנע מיט אַ פּראָפֿעסיאָנעלע טרופּע איבער דער פּראָווינץ.

נאָכן אָפּזיין אַ געוויסע צייט אין ווילנע, פֿאָרט זאַבלאָצקי אַוועק

קיין אויסלאַנד. קיין בעלגיע, פראַנקרייך, פּרואווט זיך דאָרט צושלאָגן אין דער פילם־וועלט, ער מאַכט פּראָבעס אָבער עפּעס קאָנקרעטער אויפצוטאָן גיט זיך אים ניט איין. שפּילט ער מיט די דאָרטיקע יידישע טרופּעס.

שפּעטער פאָרט ער אַוועק צו קרובים קיין ענגלאַנד.

אין לאָנדאָנער יידישן טעאַטער האָט מען זיך דערוואוסט אַז דאָרט געפינט זיך אַ ווילנער יידישער „עקטער", האָט מען אים אויפגעכאַפּט ווי אַן אבן טוב.

זאַבלאָצקי האָט אָבער ניט געקאָנט נאָכהאַלטן דעם טעמפּאָ, פון לאָנדאָנער יידישן טעאַטער.

אין לאָנדאָן איז געשטאַנען דער יידישער אַקטיאָר און דער טעאַטער אויף אַ זייער נידעריקער מדרגה.

יעדע נאַכט האָט מען געשפּילט אַן אַנדער פּיעסע און מערסטנטייל האַרצרייסנדע יידישע מעלאָדראַמעס.

אַלטע „רעפּערטואַרנע" אַקטיאָרן פּלעגן זיך אין אַזאַ טעאַטער זייער לייכט אַריינפּאַסן. געמאַכט איין פּראָבע און „געשפּילט".

זאַבלאָצקין איז אָבער דער מין טעאַטער געווען פרעמד. חוץ דעם איז ער געווען געוואוינט צו אַ סך פּראָבירן. האָט ער זיך שנעל אַנטוישט. די דירעקציע פון טעאַטער האָט פון נייעם ווילנער גאַסטראָליאָר אויך קיין נחת ניט געהאַט: ער קען ניט זינגען, קען נישט דערפירן דעם עולם צו טרערן.

און ביידע צדדים זיינען זיך גוטווילִיק פאַנאַנדערגעגאַנגען.

זאַבלאָצקי אַרבעט נאָך אַ געוויסער צייט ביי זיין ערשטן פאַך — מעבל־סטאָלעריי. ער מאַכט אָבער דערפון קיין לעבן ניט און קערט זיך אום צוריק אין זיין היים־שטאָט ווילנע.

ער ווערט דאָ אויסגענוצט אין פאַרשיידענע טעאַטערן צו שפּילן עפּיזאָדן־ראָלן. ער באַטייליקט זיך אין די אויפפירונגען פון אַלעקס שטיין אין טאָלסטאָיס „לעבעדיקער מת", אין „סאַווינקאָוו" אין „אונדזער טעאַטער".

אין 1939, מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, ווערט ער מאָביליזירט און אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט, וואו ער ווערט פאַרוואונדעט.

פון פראָנט קומט ער צוריק קיין ווילנע אין דער צייט פון די ערשטע סאָוועטן.

אין דער צייט פון די ליטווינער, באַטייליקט זיך זאַבלאָצקי אין דער פאָרשטעלונג „שולמית", וועלכע ווערט געשפּילט אין דער געביידע פון היינטיקן געטאָ־טעאַטער, פריערדיקער קליינער שטאָט־זאַל. ער שפּילט אין דער פאָרשטעלונג די ראָל פון „מנוח". שפּעטער איז ער אַ מיטגליד פון „ייקטאָוו".

מיטן אַנטשטיין פון מלוכה־טעאַטער ווערט ער אַרייַנגערעכנט אין שוישפּילערישן צוזאַמענשטעל.

אַ גרויסן דערפאָלג האָט ער אין טעאַטער אין דער ראָל פון „באָגוסלאַווסקי” אין דאַניעלס „יוליס”, סיי מיט זיין אויסערלעכן אויסזען, סיי מיט זיין איבערצייגנדיקן שפּיל מאַכט ער אַ שטאַרקן איינדרוק סיי אויף די חברים שוישפּילער סיי אויפן עולם.

אויך אין דער אונגאַרישער פּיעסע „מיין זון”, איז אים באַזונדערס געלונגען צו שאַפן די ראָל פון קאָנספּיראַטיוון אַרבעטער.

די לעצטע מלחמה האָט איבערגעריסן אַלע ווייטערדיקע דער־פאָלגן פון שמעון זאַבלאָצקי.

נאָכן אַרייַנמאַרש פון די דייטשן קיין ווילנע האָט ער זיך פאַר־שפּאַרט אין דער היים, צו באַשיצן זיין ווייב און ערשט־געבוירן קינד.

אין יולי 1941 זיינען צו אים אין שטוב (אויף גרויס סטעפּן־גאַס 13) כאַפּערס געקומען און אים צוגענומען.

ווען ער האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט זיין ווייב, און אַ לעצטן קוש געבן זיין איין־יאָריקן קינד, האָבן זיי אים אויף אַ מער־דערלעכן אופן צעשלאָגן און אַוועקגעפירט...

ווילנער מאַריאָנעטן־טעאַטער

מיכאל כּץ

געבוירן אין ווילנע אין 1908. דער טאַטע אַ שטעפּער. געלערנט פריער אין חדר שפּעטער אין דער ווילנער יידישער רעאַל־גימנאַזיע. פון קינדווייז־אָן געהאַט אַ נייגונג צו טעאַטער.

מיכאל קאַץ

אין טעאַטער האָט ער אָנגעהויבן צו שפּילן קליינע ראָלן און אין 1933 אַרויסגעפאָרן מיט דער ווילנער טרופּע אויף אַ טורנע אין דער פּוילישער פּראָווינץ.

מיט די ווילנער איז ער אַרומגעפאָרן אַ לענגערע צייט.

מיט אים און מיט זיין חבר ווידעצקי [20]). האָט איין מאָל פּאַסירט אַ קאָמישער קוריאָז:

שפּילנדיק אין לאָדזש מאָליערס „קאַרגער" האָט איינער פון די אַקטיאָרן צוגעפירט ווידעצקין צום פאָרהאַנג און אָנגעוויזן אויף אַ הער מיט ברילן אין דער פערטער ריי:

— זעסט אָט דעם הער — דאָס איז מאָליער!

ווידעצקי האָט זיך אָן דער געשעעניש אָנגעכאַפּט. אַ קלייניקייט, מאָליער אין טעאַטער, דאַרף מען דאָך לויפן אָנזאָגן אַלע אַקטיאָרן, מען זאָל זיך אַ ביסל אונטערגאַרטלען. ניט דורכפאַלן פאַרן מחבר.

איז קודם־כל דאַרף מען עס אָנזאָגן קאַצן, דעם נאָענטסטן חבר.

— זעסט אָט דעם הער — דאָס איז מאָליער!

קאַץ דערהערנדיק די בשורה איז קודם אַוועקגעפלויגן זיך איבערצייגן מיט די אייגענע אויגן... גוט זיך אָנגעקוקט... איז ער אַוועק אָנזאָגן די בשורה דעם אַרטיסט סאַמבערגן, וועלכער האָט געשפּילט די טיטל־ראָל.

סאַמבערג האָט די צווייי בשורה־ברענגער, אויסגעבייטלט אַלע

וויסטע חלומות... און זיי אויפגעקלערט וועגן מאָליערן: זיין לעבן, שאַפן און טויט.

מיט די „ווילנער" איז קאַץ אַרומגעפאָרן ביז די טרופּע איז זיך צעפאַלן.

ער קומט דאַן צוריק קיין ווילנע. אַרבעט בייטאָג ביים פאָטער אין שטעפּער־וואַרשטאַט און אין אָוונט שפּילט ער אין „אונדזער טעאַטער" אויף נאָוועגאָראַד 8.

מיכל קאַץ א רונדער, קיילעכדיקער יונגערמאַן האָט זיך מיט זיין אויסערלעכקייט אויסגעצייכנט אין כאַראַקטער ראָלן...

אין „אונדזער טעאַטער" האָט קאַץ אָפּגעשפּילט אַ גאַנצע ריי יאָרן.

יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט דער דירעקציע צופעלן אַן אַקטיאָר, פלעגן זיי גלייך איינלאַדן קאַצן.

קאַצן מיט זיינע יינגערע חברים, ניט פאַראיינס־מיטגלידער, פלעגט מען אין טעאַטער שטאַרק עקספּלואַטירן. אין די פּוילישע צייטן האָט מען זיי געצאָלט 1 זלאָט אַ נאַכט. צום אָנהייב האָט דאָס אים ניט געאַרט, ווייל ער איז מאַטעריעל פון טעאַטער ניט געווען אָפּהענגיק. שפּעטער איז עס שוין געוואָרן אַן ערן־פּראַגע... אַ קליינער לוין — דאָס איז אַ באַציאונג ווי צו יינגלעך, און חברה יונגוואַרג האָט פאַר־שטרייקט...

די דירעקציע האָט זיי נאָכגעגעבן. מען האָט זיי באַשטימט פּראָ־צענטער פון דער הכנסה, אָבער אַזאַ מין פּראָצענט, אַז זיי האָבן שוין אָפּטמאָל דעם זלאָט אויך נישט פאַרדינט... דאָס האָט שוין קאַצן, ווי אויך זיינע חברים, ניט שטאַרק געאַרט, וואָס קאָן מען טאָן אַז די געשעפטן זיינען שלעכטע? דער עיקר: זיי זיינען מיט לייטן גלייך.

אין 1939־1940 איז קאַץ אַ מיטגליד פון „ייקטאוו". שפּילט פאַר־אַנטוואָרטלעכע ראָלן און רוקט זיך אַרויס אויף די ערשטע ערטער אין דעם טעאַטער.

אין מלוכה־טעאַטער גייט שוין קאַץ אַריין ווי אַ גלייכער מיט גלייכע. צייכנט זיך אויס אין אַ ריי ראָלן, באַזונדערס אין דער ראָל פון „אויפּראַמער" אין דאַניעלס „יוליס". די ראָל איז דורך דעם מחבר געשילדערט ווי אַ דורכאויס נעגאַטיווע געשטאַלט. — אַ ייד אַ גביר, ביי וועמען די רויטע נאַציאָנאַליזירן דאָס הויז, בעט זיך איין ביי זיי, זיי זאָלן אים כאָטש איבערלאָזן אין די הייזער אַלס אויפּראַמער און גלייכצייטיק שפּיאָנירט ער די טעטיקייט פון די רויטע און גיט עס איבער די ווייסע. ער ווערט סוף־כל־סוף געכאַפּט און דערשאָסן.

קאַץ האָט אין דער ראָל דערגרייכט דאָס בעסטע וואָס עס האָט זיך געלאָזן. דער צושויער עולם האָט אים פיינט באַקומען. ער האָט זיך

אין דער ראָל אַזוי אַריינגעלעבט, אַז מען האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די ראָל פון „אויפּראַמער" קאָן אַנדערש געשפּילט ווערן.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ווילנע, האָט מיכל קאַץ געקראָגן אַרבעט אין „געסטאַפּאָ" ווי אַן אויפּראַמער. ער פלעגט זיך דאַן וויצלען, אַז די ראָל אין „יוליס" איז אים צוניץ געקומען, דער סוף זאָל נאָר זיין אַן אַנדערער...

אין דער איינהייט איז אים זייער גוט געגאַנגען. ער פלעגט קריגן צו עסן, געהאַט אַ שיין צו גיין אַליין איבער די גאַסן, און טאַקע דאָס סאַמע וויכטיקסטע, ניט קיין שווערע פיזישע אַרבעט.

אַ דאַנק זיין שיין, פלעגט ער אין יענע שווערע טעג האָבן אַ מעגלעכקייט צו גיין זען וואָס ביי חברים טוט זיך, העלפן לויט זיינע מעגלעכקייטן.

קאַץ האָט אויך געזען ווי מען פלעגט ברענגען יידן און ניט־יידן אויף אויספאָרשונגען, פאַרשפּאַרן אין קעלערן, און גאָר אָפט פלעגן זיך פון די קעלערן אַרויסרייסן הימל־רייסנדיקע געשרייען...

איין מאָל האָט זיך איינער פון די אַרבעטנדיקע יידן אין דער רוים־קאָמאַנדע אין געשטאַפּאָ מיט עפּעס פאַרזינדיקט. האָט מען אויפגעקליבן אַלע אַרבעטער אויפן הויף און ביי 20 מאַן צוגענומען די שיינען. צווישן די ביי וועלכע מען האָט די שיינען צוגענומען איז אויך געווען קאַץ.

די 20 האָט מען אָפּגעטיילט פון די איבעריקע.

קאַץ האָט דערשפּירט די געפאַר און אויף אַ קונציקן אופן אַנטלאָפן.

אַלס צוגאָב־שטראָף וואָס פון די 20 יידן איז פאַרלאָרן געגאַנגען איינער, האָט מען צוגענומען נאָך 5.

די פיר און צוואַנציק מאַן האָבן זיך שוין מער צו זייערע נאָענטע ניט צוריקגעקערט.

קאַץ האָט זיך אויסבאַהאַלטן...

שפּעטער שוין, גענומען זוכן און געפונען אַרבעט, און עס האָט אויסגעזען, אַז די געפאַר איז אַריבער, אָבער בעת דער פּראָוואָקאַציע אויף דאָמיניקאַנער געסל נומ. 3 האָט מען אים צוגענומען און די „געסטאַפּאָ" האָט אַראַנזשירט, פאַר איר געוועזענעם אויפּראַמער, די לעצטע פינאַל־סצענע גענוי לויטן טעקסט פון דער סאָוועטישער פּיעסע.

פּיניע זיגלבוים

עס ליגט פאַר מיר אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ יונגנמאַן מיט גלאַטע אויף אַרויף פאַרקעמפטע שאַטען־האָר, טיפע קלאָרע אויגן, אַ לאַנגע נאָז און שמאָלע ליפּן.

פּיניע זיגעלבוים

איך קוק זיך גוט איין אין פּנים און פאַר מיינע אויגן וועקט זיך אויף אַ בילד שוין פון לאַנג פאַרגאַנגענע טעג:

דוכט זיך אין 1935 איז עס געווען: איך בין געזעסן אויף דלוגע 19, אין וואַרשעווער „יונג־טעאַטער“, און געקוקט די אויפפירונג פון ל. מלאכס „מיסיסיפּי“.

די פאָרשטעלונג האָט מיר בכלל פאַרכאַפּט. ס׳איז געווען אַ זייער געלונגענע אויפפירונג. איבערהויפּט נעמענדיק אין אַכט, אַז געשפּילט האָבן דאָס יונגע שוישפּילער, וועלכע האָבן ניט לאַנג פאַרענדיקט זייער דראַמאַטישע אויסבילדונג.

איך געדענק אַז אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר דאַן געמאַכט איינער פון די שוישפּילער, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון אַדוואָקאַט. אין זיין שפּיל איז געווען אַזוי פיל פּשטות און ניט געקינצלטקייט אַז איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס שפּילט אַ מענטש, וואָס האָט הינטער זיך אַ לאַנגיאָריקע סצענישע טעטיקייט. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די ראָל איז אויסגעפירט געווען פון איינעם פון די פעאיקסטע שוישפּילער פון „יונג־טעאַטער“ פּיניע זיגעלבוים [21].

ער איז געווען אַ גוטער שטעפּער אַרבעטער, זיגעלבוים, אָבער עס האָט אים געצויגן צום טעאַטער.

ער איז געווען פון די ערשטע, וועלכע זיינען אין 1933 געקומען שטודירן די שוישפיל קונסט אין דער דראַמאַטישער סטודיע פון מיכאל וויכערט.

נאָך איידער ער האָט די סטודיע באַזוכט, האָט ער זיך פאַרנומען מיט פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייטן אין די אַרבעטער־פאַראיינען און אָפט אַרויסגעטראָטן אַלס רעדנער אויף מיטינגען. דאָס איז שוין געווען ביי זיי, אַזאַ „משפחה פעלער״. איינער פון זיינע ברידער איז געווען דער באַוואוסטער אַרבעטער־טוער אין פּוילן, אַרטור זיגעלבוים.

און אָט אַזוי האָט זיך פּיניען, וועלכער פלעגט אויסער רעדעס אַמאָל אויך לייענען לידער פאַר גרעסערע אוידיטאָריעס, זיך פאַר־גלוסט אויסצופּרואוון זיינע סצענישע פעאיקייטן.

נאָכן פאַרענדיקן די דראַמאַטישע סטודיע ביי דר. וויכערטן, האָט ער שוין אויף שטענדיק פאַרלאָזט דעם שטעפּער־פאַך און איז געווען טעטיק ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער שוישפּילער אין „יונג־טעאַטער״.

פון 1934 ביז 1938 באַטייליקט ער זיך אין אַלע אויפפירונגען פון יונג־טעאַטער. מיטמאַכנדיק זייערע נסיעות איבער פּוילן.

זיגעלבוים צייכנט זיך אויס אין אַ גאַנצע ריי אויפפירונגען פון טעאַטער.

צווישן אַנדערן: אין „קראַסין״.

אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן „קראַסין״ אין די „ליטעראַרישע בלעטער״ (1934) שרייבט נחמן מייזיל וועגן פּיניען:

„פּ. זיגעל (אַזוי איז דאַן זיין סצענישער נאָמען געווען), איז שוין אַ באַגאַבטער שוישפּילער וואָס קען און וועט נאָך וואַקסן״.

נאָך שפּעטער ווייזט זיך פּיניע זיגעלבוים אין אַ ריי געלונגענע געשטאַלטן אין די אויפפירונגען פון „באָסטאָן״, „דאָס לעבן רופט״, „טאַנענצאַפּ״, „שמחה פּלאַכטע״, „וואָצעק״, „פּראָצעס״.

באַזונדערס געלונגען איז זיגעלבוימען די ראָל פון בוכהאַלטער קאַפּס אין הערמאַן הייערמאַנס „פאַרלאָרענע האָפענונג״. די אויפ־פירונג די „פאַרלאָרענע האָפענונג״ איז געגאַנגען אין ווילנע אין 1938.

דערביי איז כדאַי צו פאַרצייכענען, אַז אין יענעם סעזאָן האָט דער „ניי־טעאַטער״ געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכן דערפאָלג. אין משך פון דעם טעאַטער־סעזאָן זיינען געווען 59.488 באַזוכער.

מיטן אויסברוך פון דער דייטש־פּוילישער מלחמה לויפט פּיניע זיגעלבוים צוזאַמען מיט זיין פרוי פון וואַרשע, וואו זיי האָבן זיך דאַן געפונען — קיין ביאַליסטאָק.

ווען אין ביאַליסטאָק, וועלכע איז צו יענער צייט אָנגעשלאָסן גע־וואָרן צו מערב־ווייסרוסלאַנד, ווערט אָרגאַניזירט אַ יידישער מלוכה־

טעאַטער טרעט פּיניע אַריין אין דעם טעאַטער. מורא האָבנדיק ער זאָל ניט ליידן פֿאַר זיינע פֿריערדיקע פּאָליטישע אָנשויאונגען, בייט ער איבער זיין פֿאַמיליע־נאָמען אויף אָסטראָוויטש, (זיין פֿרויס פֿאַמיליע־נאָמען).

דאָ ווערט ביי די זיגעלבוימס געבוירן דאָס ערשטע קינד — אַ יינגעלע.

פֿון ביאַליסטאָק ווערט זיגעלבוים אַנגאַזשירט אין ווילנער מלוכה־טעאַטער, וואוהין ער פֿאָרט אַריבער מיט ווייב און קינד.

אין ווילנע טרעט ער אויף אין דער ראָל פֿון דר. בובליק אין קאָרנייטשוקס „פּלאַטאָן קרעטשעט".

זיין לעצטע ראָל איז געווען „קאָלטון" אין שלום־עליכמס „200.000".

תּיכּף ווי ווילנע ווערט פֿאַרנומען דורך די דייטשן, האָבן זיך פֿאַר אים אָנגעהויבן ביטערע צייטן. ער איז געווען אַן אַסטמאַ ליידנדער און דעריבער ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו גיין אויף שווערע פֿיזישע אַרבעט און צוליב דעם זיך ניט געקאָנט לעגאַליזירן.

ווענלדיק אָבער העלפֿן זיין משפּחה, האָט ער מיט די לעצטע כּוחות זיך אַוועקגעשלעפּט אין בורבישקי אויף אַרבעט. ער איז אָבער דאָרט געפֿאַלן אין חלשות און געמוזט די אַרבעט אויפֿגעבן.

דער הונגער איז געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער צו זיי אין הויז.

שפּעטער ווען מען האָט אַלע יידן אין געטאָ אַריינגעטריבן האָט זיך די סיטואַציע ביי זיי נאָך מער פֿאַרערגערט.

ווען די „ריניקונגען" האָבן זיך אָנגעהויבן און אונטער פֿאַרשיידענע אויסריידן פֿלעגן יידן צוגענומען ווערן, איז ער מוראדיק נערוועז געוואָרן און פֿאַר יעדן שאָרך געציטערט. איבערהויפּט האָט ער זיך געזאָרגט וועגן זיין קליינטשיקן זונעלע. ער האָט אָבער נישט זיך און נישט זיינע ליבע געקענט העלפֿן.

ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז זיין פֿרוי האָט פֿאָרגעלייגט, זיי זאָלן זיך און דאָס קינד איבערשניידן די אָדערן און אַזוי אַרום פֿאַרענדיקן זייער שווערן לעבן.

ס'האָט זיי ווייזט אויס אויסגעפּעלט מוט דערצו.

ניט האָבנדיק קיין פּאַך־שיינען האָבן זיי זיך געמוזט איבערקלייבן אין צווייטן געטאָ, און נאָכן אָפּמאַטערן זיך דאָרט עטלעכע טעג זיינען די זיגעלבוימס מיטן קינד אַוועקגעפֿירט געוואָרן אין דער ריכטונג פֿון פּאָנאַר.

אברהם סטאָבער

געבוירן אין וואַרשע אין 1908. דער פאָטער אַ סוחר, די מוטער אַ היימישע באַלעבאָסטע.

גאָר פרי זיינען די עלטערן אָפּגעשטאָרבן.

אברהם סטאבער

צו 13 יאָר האָט ער שוין געדאַרפט אַר־בעטן כדי זיך אַליין אויסצוהאַלטן. אָנגע־קומען אין אַ גרויסער וואַרשעווער האַנדלס־פירמע אַלס שיק־ייִנגל. אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט זיך געלערנט אין אַ האַנדלס־שול. נאָכן פאַרענדיקן די שול פאַרנעמט ער אין דער זעלבער פירמע אַ פאַראַנט־וואָרטלעכן פאָסטן אַלס בוכהאַלטער־קאָ־רעספּאָנדענט.

ווען אין 1926 אָרגאַניזירט זיך דר. מיכאל וויכערטס דראַמאַטישע סטודיע, טרעט סטאָבער [22]) אַהין אַריין כדי צו שטודירן די שוישפּיל־קונסט. גלייכ־צייטיק איז ער אויך סעקרעטאַר פון דער סטודיע.

אין 1933, ווען די סטודיע ווערט פאַרוואַנדלט אין וואַרשעווער „יונג־טעאַטער" איז ער איינער פון אירע שוישפּילער און מאַכט דורך מיט דעם טעאַטער אַלע זייערע עטאַפּן. אָנטייל גענומען אין אַלע אויפ־פירונגען און פאָרט מיט דעם טעאַטער אויף אַלע זיינע וואַנדערונגען.

זיך אויסגעצייכנט אין די אויפפירונגען פון ל. מלאכס „מיסיסיפּי", גאָלדפאַדענס „טאַנענצאַפּ" — אַ באַאַרבעטונג פון דעם זעלבן מחברס „צוויי קוני־לעמלס", אין יעקב פראַגערס „שמחה פלאַכטע".

ווען דער יונג־טעאַטער צעפאַלט זיך, ווערט סטאָבער אַנגאַזשירט אין 1936 אין קראָקעווער זומער־טעאַטער צו שפּילן אין אָפּערעטקעס און מעלאָדראַמעס צוזאַמען מיטן אַרטיסט לעאָפּאָלד יונגווירט. (אַן אַקטיאָר פון אַלטן שניט. זיין גאַנץ לעבן אָפּגעשפּילט אין גאַליציע אָדער אין ווין. גערעדט אויף דער בינע האַלב־דייטש. אין יעדער פּיעסע אין וועלכער ער האָט געשפּילט האָט געמוזט זיין אַ „קדיש"

אַ „קידוש", אַ „הבדלה" אָדער גלאַט אַ לידל מיט הימל־שרייענדער מאָראַל, כדי ער, יונגווירט, זאָל קאָנען אַרויסווייזן זיין האַרציקייט אין כוח נגינה).

סטאָבער פֿאַסט זיך שלעכט אַריין אין דעם דאָזיקן טעאַטער. בכלל האָבן די מיטגלידער פֿון יונג־טעאַטער (מיט קליינע אויסנאַמען) זיך זייער שווער אַריינגעפּאַסט אין אַנדערע טעאַטער־אַנסאַמבלען. זיי פֿלעגן זיך שטאַרק פּאַרלירן צווישן אַלטע, רוטינירטע פּראָפּעסיאָנעלע אַקטיאָרן.

די סיבה האָט אפשר געשטעקט אין דעם וואָס דער „יונג־טעאַטער" פֿלעגט פּרובירן אַ פּיעסע אַ האַלב יאָר און אַמאָל לענגער. אין די אַנדערע טעאַטערן פֿלעגט מען אַ פּיעסע „מאַכן" אין אַ חודש און אָפּט־מאָל גאָר אין אַ פּאָר טעג.

סטאָבער קומט צוריק קיין וואַרשע. און ווען דער „יונג־טעאַטער" אָרגאַניזירט זיך אויפֿסניי, פֿאָרט ער ווידער מיט אים אַרום איבער די יידישע ישובים אין פּוילן.

קומענדיק צום צווייטן מאָל קיין ווילנע אין 1938, ווערן אין „יונג־טעאַטער", (וועלכער האָט צוליב פּאַרפּאָלגונגען מצד דער מאַכט פּאַר זיינע לינקע אָפּנויגן, געביטן דעם נאָמען אויף „ניי־טעאַטער"), אויפֿגעפֿירט אַ ריי נייע פּיעסן.

צווישן אַנדערע: הערמאַן הייערמאַנס דראַמע פֿון האָלענדישן פֿי־שער־לעבן „פֿאַרלאָרענע האָפֿענונג", וואו סטאָבער צייכנט זיך אויס אין דער ראָל פֿון באַרענט.

אין טעאָדאָר דרייזערס „אַמעריקאַנער טראַגעדיע", האָט סטאָבער געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די צושויער אין דער עפּיזאָדן ראָל פֿון בלומען־פֿאַרקויפֿער.

סטאָבער האָט חתונה אין ווילנע מיט דער אַרטיסטין אידאַ נעלקין[22]) און אָרדנט זיך איין אַ באַקוועמע היים.

אין 1939־1940 שפּילט ער אין „ייקטאַוו".

אין 1941 גייט ער אַריין אין אַרטיסטישן באַשטאַנד פֿון יידישן מלוכה־טעאַטער.

זייער אַ פֿיינע געשטאַלט האָט סטאָבער געשאַפֿן אין דער אויפֿ־פֿירונג פֿון דאַניעלס „יוליס", אין דער ראָל פֿון יונגן קאָמונאַר סעיבל.

זיין בעסטע ראָל איז אָבער געווען אין דער לעצטער אויפֿפֿירונג פֿון ווילנער מלוכה־טעאַטער אין שלום־עליכמס „200.000", אין דער ראָל פֿון נעבעכדיקן שניידער־געזעלן קאָפּל פֿאַלבאַן.

די ראָל, וועלכע איז בכלל זייער אַ דאַנקבאַרע, איז סטאָבערן אויסערגעוויינטלעך געלונגען און אַלע האָבן אים פֿאָרויסגעזאָגט אַ

ריזיקן דערפֿאָלג. די פּרעמיערע איז געווען שבת דעם 21־טן יוני 1941.

סטאָבער, וועלכער איז געווען אַ לונגען־קראַנקער, האָט אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט באַקומען אַ מעגלעכקייט נישט צו דאַרפֿן אַרומ־וואַנדערן און זיצן אויף אַן אָרט, זיך זייער גוט פֿאַרריכט פֿיזיש. ער איז דיקער און ברייטער געוואָרן. האָבנדיק אין זיין פֿרוי אַ טרייע מיטהעלפֿערין, וועלכע האָט געזאָרגט פֿאַר אים, אויך מאַטעריעל, האָט ער געהאַט אַ דאַנקבאַרע מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען.

אָבער די גרוילן פֿון דער אָנקומענדיקער מלחמה האָבן אַלץ צעשטערט.

אין אַ זונטאָגדיקן יולי־טאָג 1941 זיינען זיך איבער ווילנע שוואַרצע טאַקסאָמעטערס צעפֿאָרן.

פֿאַרפֿאָרן פֿאַר אַ טויער וואו עס האָבן געוואוינט ייִדן, פֿלעגן די אויטאָס זיך אָפּשטעלן און אַלע ייִדישע מענער אַרויספֿירן.

אין איינער פֿון די אויטאָ־אָפּשטעלן אויף סובאַטש־גאַס נומ. 6־א, וואו סטאָבער איז געווען צו גאַסט ביי אַ חבר, אַ ווילנער אַרבעטער, האָט מען אים צוגענומען מיטן חבר אַוועקגעפֿירט...

יובל-פּראָגראַם פֿון דער „ווילנער טרופּע" (באַרא) 1922

בן-ציון אבעלסאָן

אַ שלאַנקער יינגל מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע, אַ ווייס פּנימל. קוים אַ פּאָר צענדליק יאָר אַלט, האָט ער זיך אין טעאַטער געפּילט, ווי ער וואָלט שוין דאָרט געווען ווער ווייס ווי לאַנג. אַרומגעשלעפּט זיך מיט וואַנדער־טרופּעס איבער די קלענסטע שטעטלעך, אָפט ניט געהאַט צו עסן צו דער זאַט, געשלאָפן אויף האַרטע בענק אין טעאַטער גלייך ווי דער עולם איז פון דאָרט אַוועק, ווייל גאָר אָפט, איז ניט געווען מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר אַ האָטעל.

דאָך האָט ער זיך ביים טעאַטער געהאַלטן, — ווייל אין ערגעץ, פלעגט ער זאָגן, האָט מען נישט אַזויפיל דערפאָלג ביי פרויען, אין ערגעץ קוקט מען נישט אויף דיר, אַזוי ווי אין טעאַטער.

איך האָב מער הנאה, האָט ער אַמאָל געזאָגט, ווען איך הער: „אָט גייט דער אַרטיסט אַבעלסאָן!", ווי פון אַ גוטן מיטאָג.

ער האָט געשפּילט יונגע יינגלעך. זיין גאַנצע יוגנטלעכע פרייד, האָט צום צושויער דאַן אַראָפּגעשטראָמט.

אין מלוכה־טעאַטער, וואו מען האָט יעדן פעאיקן און איבערהויפּט יונגן מענטשן געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַווייזן, האָט ער באַזונדערס געהאַט דערפאָלג אין דער ראָל פון „סיאָמקע" אין שלום־עליכמס „שווער צו זיין אַ ייד".

סיאָמקע, אַ צעלאָזן טאַטנס זינדל ווי ער איז ביי שלום־עליכמען, איז פונקט ווי אָנגעמאָסטן געווען פאַר אַבעלסאָנען. אין טעאַטער האָט מען אים מיט ליבשאַפט גערופן „דער זשוליקל", און ער האָט טאַקע געהאַט אַ ברייט פעלד אויסצולאָדן זיינע יינגלשע שטיפערייען.

נאָך מער איז אים אונטערגעגאַנגען די ראָל פון יינגל „קאָפּאַטש" אין דאַניעלס „יוליס". דאָס איז שוין געווען אַ ראָל מיט דראַמאַטישע אַקצענטן, וואָס האָט זיך אים זייער גוט איינגעגעבן.

אין דער לעצטער אויפפירונג פון טעאַטער אין „200.000" פון שלום־עליכם האָט ער געשפּילט די ראָל פון סאָלאָמאָנטשיקן דעם צעבאַלעוועטן באַלעבאַטישן זינדל. דאָ איז ער ווידער געווען ווי ביי זיך אין דער היים.

ניט באַשערט אים אָבער געווען...

ווי די באָמבעס האָבן גענומען פאַלן איז ער אַנטלאָפן, אָבער ניט דערלאָפן. ער איז צוריקגעקומען...

צוריקגעקומען אויף אַוועקצוגיין אינגאַנצן...

ישראל זובאַק

איך בין נאָך גאָר אַ קליינער יאָט געווען, ווען ס׳האָט מיך שוין צום טעאַטער געצויגן. ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט אַ בילעט צו קויפן, פלעג איך מיין גימנאַזיע־היטל אין בוזים פאַרשטופן און אַריבערקריכן איבערן פּאַרקאַן, כדי זיך אַריינצוגנבענען אין צירק, וואָס איז דעמאָלט אויפן לוקישקער פּלאַץ געווען. דאָרט האָט דעמאָלט דאָס יידישע טעאַטער געשפּילט. דאַכט זיך אַז דאָס איז געווען אין יאָר 1916, ווען איך האָב דאָרט איינמאָל „פינטעלע ייד" געזען, איז אויף דער בינע אַרויף אַן אָפּיציר אין אַ הוזאַרן־קאָסטיום מיט גלאַנציקע לאַקירטע שטיוועלעך און געזונגען...

ישראל זובאַק

דער אָפּיציר איז געווען ישראל זובאַק[23]).

און כאָטש ער האָט דורכויס ניט קיין יידישע ראָל געשפּילט, האָט זיך דאָך פון אַלע זיינע אברים דער ייד אַרויסגעריסן. מיט זיין לאַנגער יידישער שופר־נאָז האָט דער אָפּיציר גיכער אויסגעזען ווי אַ יידישער רעקרוט.

אין 1928 ווען איך האָב שוין אויך טעאַטער געשפּילט האָב איך זיך מיט אים באַקענט.

אַ באַשיידענער אינטעליגענטער יונגערמאַן, שטאַרק יידישלעך אין לעבן. אפשר איז דאָס געווען די השפעה פון קלויז, אין וועלכער ער האָט לאַנגע יאָרן געזונגען אַלס משורר ביי די ווילנער חזנים.

אין טעאַטער האָט ער ניט פאַרנומען קיין ספּעציעלן אָרט. ס׳איז ביי אים אַ ביסל געווען פאַרלייגט די נאָז ניט קיין צו שטאַרק קלאָרע דיקציע און דער קאָפּ, אַ ביסל צו שווערלעך.

ווען אברהם מאָרעווסקי האָט צום ערשטן מאָל אויפגעפירט אין ווילנע דעם „דיבוק״, האָט זובאַק דאָרט געשפּילט מיכאל גבאי.

עס דערמאָנט זיך אַ פּאַסירונג פון יענער צייט:

אין דריטן אַקט ווען סענדער בריניצער קומט צום רבין, זאָגט אים מיכאל אָן, אַז עס וואַרט סענדער בריניצער. אויף דער גענעראַל־פּראָבע, קומט זובאַק אַריין אויף דער בינע און זאָגט: — „רבי, ס׳איז געקומען אַלעקסאַנדער בריניצער״. מאָרעווסקי, מיינענדיק אַז ער האָט ניט דערהערט, פרעגט אים איבער: ווער? — איך זאָג דאָך אייך ר׳בי, ענטפערט זובאַק מיט דער גאַנצער זיכערקייט — אַלעקסאַנדער בריניצער!

מאָרעווסקי, וועלכער האָט זיך מיט געוואַלדיקן פּיעטעט באַצויגן צו יעדן אַנסקיס וואָרט, האָט זיך דעם קאָפּ אין וואַנט געשלאָגן און איז פון דער פּראָבע אַנטלאָפן.

אַ לענגערע צייט האָט מען נאָך דעם זובאַקן אָנשטאָט ישראל, גערופן „אַלעקסאַנדער״.

אין 1925 ווערט ער ווי אַ לאַנג־יאָריקער אַרבעטסלאָזער אויסגע־שלאָסן פון יידישן אַרטיסטן פאַראיין.

דאַן קלייבט ער צוזאַמען אַ גרופּע אַמאַטאָרן און שלעפּט זיך מיט זיי אַרום איבער קליינע יידישע שטעטלעך וואו ס׳פלעגן ניט דער־גרייכן די טרופּעס פון יידישע פּראָפעסיאָנעלן אַרטיסטן־פאַראיין.

צעפאַלט זיך זיין טרופּע — פאָרט ער אַריין אין אַ קליין שטעטל, נעמט צונויף די דאָרטיקע ליבהאָבער און שטעלט מיט זיי פאָרשטעל־לונגען, און דערפון ציט ער זיין קאַרגע חיונה.

אַזוי יאָר איין יאָר אויס. שפּעטער נעמט ער מיט פון ווילנע די כאָריסטין סאַראַ [23] מיט וועלכער ער האָט חתונה. צוזאַמען מיט איר, ווערט אים אַ ביסל לייכטער, ווייל דעם גרונט־קערן פון דער פאָר־שטעלונג האָט ער שטענדיק מיט זיך: ער — דער העלד, און די פרוי זיינע — די העלדין.

אין 1936, דורכפאָרנדיק איין מאָל פאַרטאָג דאָס קליין שטעטל זשאַלודאָק, האָב איך באַמערקט ווי אַ הויכער יונגערמאַן שטייט און קלעפּט אַ יידישן טעאַטער־אַפיש אויפן וואַנט. דער אַפיש האָט מיך פאַראינטריגירט, בין איך נעענטער צוגעגאַנגען: אויפן אַפיש איז מיט גרויסע אותיות געווען אָנגעשריבן: „גאַסט־שפּילן פון סאַראַ און ישראל זובאַק״. און דער אַפישן־קלעפּער — זובאַק אַליין. ער האָט זיך זייער פאַרלאָרן...

— פאַרשטייסט, האָט ער מיך דערקלערט, דער אַפישן־קלעפּער איז קראַנק געוואָרן...

שפּעטער ביי אַ גלעזל משקה, האָט ער זיך פאַר מיר פאַרטרויט: ניטאָ מיט וואָס צו באַצאָלן פאַרן קלעפּן...

ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט און זיך געמאָרדעוועט...

ווען ס'האָט זיך אָרגאַניזירט דער מלוכה־טעאַטער, האָבן זיינע אַלטע גוטע פריינד זיך באַמיט און אים אין טעאַטער אַריינגענומען. פּאָרט צענדליקער יאָרן ביים טעאַטער אָפּגעפּינצטערט.

אָבער ווי פון דעם טעאַטער, אַזוי איז אויך זיין גליק, קורץ געווען...

נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן אין ווילנע איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ געוואַלדיקע שרעק. בשום אופן האָט זיך קיינעם פון זיינע חברים ניט איינגעגעבן אים אויף דער אַרבעט אַרויסצושלעפּן.

זיין אינטואיציע האָט אים ניט אָפּגענאַרט. דעם 16־טן יולי 1941 האָט מען אים צוגענומען.

די כאַפּערס האָבן אים פאַרשלעפּט.

סארע זובאק

געקומען אין טעאַטער־כאָר פון גאָר אַן אַנדער סביבה. דוכט זיך אַן עמיגראַנטין פון רוסלאַנד. גערעדט רוסיש און שלעכט באַהערשט די יידישע שפּראַך. זיך מיט קיינעם ניט געחברט.

אָפּגעזונגען, צוגענומען די פּאָר גראָשן און אַוועק אַהיים.

אין די יאָרן 1928־1929 נעמט איר דער אַרטיסט זובאַק אַרויס פון כאָר און וואַנדערט מיט איר איבער די קלענסטע שטעטלעך.

פּאָרנדיק איינמאָל פון פּינסק קיין מאָטעלע, האָט זיך די פור אויף וועלכער זיי זיינען געפאָרן איבערגעקערט און זי האָט צעבראָכן אַ פוס. זי איז שוין דאַן געווען זובאַקס פרוי. שפּילן האָט זי שוין מער ניט געקענט. זי פלעגט נאָר פון צייט צו צייט סטאַטיסטאַטירן, כדי אַרויסצוהעלפן דעם מאַן אין דער חיונה.

צוגענומען געוואָרן אין איינער פון די רייניקונגען אין ווילנער געטאָ.

ק א ל ע ק ס י ו
„אונדזער טעאַטער"
נ אָ ו ו ג אָ ר אָ ד ע ר 8
ט ע ל ע פ אָ ן 92 4

לייב קוזניעצאָוו

שוין אין די יאָרן 1919־1921 האָט זיך דער דעמאָלט 20־יאָריקער קרעפּטיקער בחור קוזניעצאָוו, אַרומגעשלעפּט מיט וואַנדער־טרופּעס איבער די קלענסטע ליטווישע שטעטלעך.

געוואַנדערט צוזאַמען מיט אַבֿרהם שטרייטמאַן, נאָזשיק, קאַץ. אָפט צוגעהונגערט — אַמאָל די לעצטע מאַרינאַרקע פאַרקויפט, כדי צו באַצאָלן פאַרן האָטעל.

און כאָטש ס׳איז אים מערסטנס ביים טעאַטער ניט געגאַנגען (אפשר דערפאַר, וואָס קיין גאָר גרויסע פעאיקייטן צו שפּילן האָט ער ניט געהאַט). האָט ער זיך דאָך אין טעאַטער מיט קליינע איבעררייסן געהאַלטן איבער אַ פּאָר צענדליק יאָר.

אַרומגעוואַנדערט פון איין עק פּוילן ביזן צווייטן, מיט אַקס און צופּוס, אָבער געהאַלטן זיך אָן טעאַטער, ליב געהאַט דאָס טעאַטער, די סביבה, באַהעמיע...

איך דערמאָן זיך, ווי אין אַ גרויסן שניי־שטורעם האָט מען געדאַרפט צוקומען מיט שליטלעך צו אַ פאָרשטעלונג אין וואָלין. פון קרעמעניעץ קיין ווישניעוועץ.

די וועגן זיינען פאַרשאָטן מיט שניי און די פערד האָבן דעם שפּור פאַרלאָרן. זיינען חבֿרה אַקטיאָרן אַראָפּ פון די שליטנס, געזונקען ביז די קני אין שניי און זיך געשלעפּט אין דער ריכטונג פון די טעלעגראַף־סלופּעס...

9 אין אָוונט איז מען דערגאַנגען צום שטעטל. קוזניעצאָוו האָט זיך דאַן צעוויינט און האָט פאַרזיכערט, אַז ווען ער וועט זיך צוריקקערן אַהיים, וועט ער פון טעאַטער אַוועק. אָבער — דאָס איז געווען בלויז געזאָגט.

האָט ער ניט געשפּילט, פלעגט ער ווערן געשעפטס־פירער ביי אַ טרופּע. אויב ניט געשעפטס־פירער, איז סופליאָר, געהילפס־רעזשיסער, אָבער אַלץ ביים טעאַטער.

אַמאָל, ווען ס׳פלעגט שוין ווערן אינגאַנצן ענג, פלעגט ער זיך אויף אַ קורצער צייט נעמען צו מסחר, אָדער אַרבעטן ביי האָלץ (ער איז געווען באַהאַוונט אין האָלץ־בראַקעריי), אָבער נאָך אַ קורצער צייט, פלעגט ער זיך צוריק אומקערן צום טעאַטער.

אין טעאַטער האָבן אים אַלע זייער ליב געהאַט. מיט יעדן איז ער געווען „פאַן־בראַט". פון קלענסטן בינע־אַרבעטער ביזן גרעסטן סטאַר.

און פלעגט ער מאַכן אַ שנעפּסל, צי פאַר צרות, צי פאַר פרייד, פלעגט ער ערשט דאָס מויל עפענען, און דאַן פלעגט ער קיינעם ניט שוינען, זיך אַליין אויך נישט.

— „דאָס לעצטע וואָרט האָט ליאָוואַ קוזניעצאָוו!" איז געווען זיין באַליבטער אויסדרוק. דאָס לעצטע וואָרט איז אָבער געווען דאָס ערשטע, מיטלסטע און לעצטע.

ווען דאָס טעאַטער איז אין ווילנע פאַרמאַכהשט געוואָרן איז קוזניעצאָוו אַריבערגעפירט געוואָרן פון דער בינע, וואו ער איז געווען טעטיק אַלס שוישפּילער, אַריבערגעפירט געוואָרן ווי אַן אָנפירער פון די שניידער־וואַרשטאַטן ביים טעאַטער.

און דאָרט האָט ער זיך פלוצלונג אָנגעכאַפּט. אַ ביים טעאַטער, אי אַ פּאַסנדע אַרבעט, וואָס פאַרזיכערט פּרנסה פאַר ווייב און קינד. עס האָט ביי אים געבערענט די אַרבעט אונטער די הענט. די גאַרדעראָב פון טעאַטער איז אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן קאָנפעקציע־לאַגער: קאָס־טיומען, שטיוול, שיך, דאַמען־קליידער, היט, אַלץ איז דאָרט געווען.

און ליאָוואַ קוזניעצאָוו פלעגט אַן עפן טאָן די טירלעך פון די שאַפעס, קוקן אויף די קליידער און זיינע גרויסע אויגן פלעגן זיך צעגלאַנצן:

— אַלץ אונדזערע, מען דאַרף ביי קיינעם ניט באָרגן, — אַ רייכקייט!

און געגלעט די מלבושים ווי זיי וואָלטן לעבעדיקע געווען.

און ווי אַ פאַרענטפערונג פאַר זיך אַליין וואָס ער האָט וויניק געשפּילט האָט ער זיך געטרייסט: איך קען זיך דען צערייסן... און אַריינקוקנדיק אין גרויסן טרומאָ־שפּיגל פלעגט ער זיך אַליין זאָגן: עך, ליאָוואַ, ביסט אַ יאַט!

איין מאָל ביינאַכט, גייענדיק בגילופין פון טעאַטער, האָט ער זיך אָן די טעאַטער־ווענט אָנגעשפּאַרט. ווען מען האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער וועט נאָך איינוואַרפן דעם מויער, האָט ער גאַנץ ערנסט געענטפערט: — איצט מעג איך, ס'איז אונדזערער!...

ער האָט געגלויבט, אַז איצט וועט אים שוין שטענדיק לייכט און גוט זיין, און ער וועט לעבן לאַנג, ווי זיינע אָבות.

אין די יאָרן 1917־1918, האָבן אים באַנדעס אַראָפּגענומען פון זיין קאַנטאָר־שטיבל אין וואַלד אינמיטן פרישטיק עסן, און געפירט עטלעכע קילאָמעטער, וועלנדיק דערשיסן. ער האָט זיך אָבער אַרויס־געדרייט און צוריקקומענדיק האָט ער ביי זיין פאַרוויינטער מאַמען

(וועלכע האָט זיך מיט אים דאָרט געפונען) געפרעגט: — צי דער פיינקוכן איז פאַרטיק...

זיין טאַטע אַ שמיד און — אַ שמש, איז געשטאָרבן אין עלטער פון איבער 100 יאָר. און ווען מען האָט אים אין אַ ווינטערדיקן טאָג צו קבורה פון דער מתים־שטיבל צום קבר געטראָגן, איז ער פון דער מיטה אַרויסגעפאַלן. קוזניעצאָוו, וועלכער האָט געהאָלפן אים צוריק אַריינלייגן אין דער מיטה, האָט זיך דאַן אָנגערופן:

— איר זעט, ער וויל נאָך אַלץ פון דער וועלט ניט אַוועקגיין.

די מאַמע זיינע האָט אויך אַריינגעלעבט אין טיפן עלטער.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ווילנע, איז ער איינער פון די ערשטע צוגענומען געוואָרן. מען האָט פון טעאַטער זיינע באַליבטע בגדים צעשלעפט און אים דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט.

אין יענע טעג איז דער משפט אַ קורצער געווען.

אין תפיסה האָבן זיך שוין אַ סך יידן צו זייער לעצטן וועג גע־גרייט, איז צוגעקומען נאָך איינער און דערצו נאָך אַ „פאַרזינדיקטער".

אין אַ פאָר חדשים אַרום, ווען מען האָט פון אַ גאַנצער ריי ווילנער גאַסן די יידן, אַנשטאָט אין געטאָ אין תפיסה אַריינגעפירט, איז צווישן זיי געווען קוזניעצאָווס פרוי, די אַרטיסטין צילע סטראַשון, מיט איר זיבן־יאָריקן יינגל באָרקע.

ווי זי איז נאָר אין תפיסה אַריין האָט זי זיך איבער די קעלערן געלאָזט זוכן איר מאַן.

און יאָמערנדיק האָט זיך געטראָגן איר געשריי:

— ליאָווע, וואו ביסטו?! ליאָווע!! — ער האָט שוין הערן ניט געקאָנט...

זיינען זיי צו אים אַוועק.

צילע סטראשון

אַ לאַנגיאָריקע כאַריסטין פון ווילנער יידישן טעאַטער. אין גאַנצן אָפּרעטן־רעפּערטואַר, יידישן און אייראָפּעאישן געווען ווי ביי זיך אין דער היים. פלעגט אַמאָל אַן אַקטריסע קראַנק ווערן, פלעגט איר תיכף „צילקע״ (אַזוי האָט מען איר אין די קוליסן גערופן) פאַרבייטן. אין 1925 איז זי מיט אַ וואַנדער־טרופּע איף דער פּראָווינץ אַרויסגע־פאָרן. פאַרנומען אַ חשובן אָרט אַלס סוברעטין־ און כאַראַקטער־שוישפּילערין. דער פּראָווינצער עולם האָט איר שטאַרק ליב געהאַט און ווען מען האָט אין באַראַנאָוויטש איינגעאָרדנט אירן אַ בענעפיט, איז די גרויסע צירק־געביידע געווען ביזן לעצטן בילעט אויספאַר־קויפט.

שפּעטער האָט זי חתונה מיטן אַרטיסט קוזניעצאָוו, און ווען זי האָט זיך פאַרליבט אויפן געמיינזאַמען וואַנדערונג־וועג. זי קומט צו פאָרן קיין ווילנע און דאָ ווערט געבוירן איר איינציקער זון באָרעלע. זי ווערט אויס שוישפּילערין און בלייבט אַ געטרייע מאַמע צו איר בן־יחיד. זי פּרואווט נאָך פון צייט צו צייט שפּילן אָבער זי איז שוין אַרויס פון דער ריי. אין מלוכה־טעאַטער האָט מען איר אויך אַנגאַזשירט, אָבער קיין ראָלן האָט זיך איר ניט איינגעגעבן צו שפּילן.

איבעריקנס האָט דאָס לאַנג ניט געדויערט...

ס׳קומט דער חורבן פון טעאַטער. דער חורבן פון יידיש־ווילנע...

צוזאַמען מיט אַלע יידן פון דער פּאָהולאַנקע־גאַס, מיט איר גאַנ־צער משפחה, איין וועג: דורך לוקישקער תפיסה, מיטן זון פאַרן הענטל, קיין פּאָנאַר.

שמחה ליפּאָווסקי

געבוירן געוואָרן דעם 16־טן אַפּריל 1906 אין קאָלאָ, ביי קאַליש (פּוילן), וואוהין זיין מאַמע איז אַנטלאָפן נאָך די פּאָגראָמען פון 1905, פון אָדעס.

זיין פּאָטער לייזער זשעליאַזאָ[24], איינער פון די בעסטע יידישע כאַראַקטער־אַקטיאָר פון יענער צייט, האָט מיט זיין מוטער אסתר גלאַזער־וואָלסקאַ (שפּעטער ליפּאָווסקי[25]), נישט געלעבט בשלום.



שמחה (באַשע) ליפּאָווסקי

ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט זיין מאַמע אונטערשטרייכן, אַז זי האָט זיך קיינמאָל זשעליאַזאָ ניט גערופן.

זשעליאַזאָ איז צום ברית פון זיין זון, וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן שמחה, ניט געקומען[26].

צוליב דעם האָט דער קליינער שמחה קיין מעטריקע ניט געקענט באַקומען. ווען ער איז אַלט געוואָרן זעקס חדשים, האָט אים צוגענומען צו זיך זיין באָבע פון דער מוטערס צד, קיין זדונסקע־וואָליע.

— וואו קענט איר האָדעווען קינדער, — האָט זי געטענהט — אַז מען שלעפּט זיך אַרום איבער שטאָט און שטעטל. איר קענט דאָך נאָך דאָס עופהלע פאַרלירן אויפן וועג...

זי איז ספּעציעל געקומען קיין לובלין וואו זיי האָבן דאַן געשפּילט, כדי אַוועקצופירן דאָס קינד צו זיך.

די מאַמע פלעגט אים נעמען צו זיך נאָר דאַן, ווען די טרופּע אין וועלכער זי האָט געשפּילט, פלעגט זיך אויף אַ לענגערע צייט אָפּשטעלן אין אַ גרעסערער שטאָט. אָבער אויך דאַן האָט אים די באָבע דער מאַמען ניט אָנגעטרויט. זי פלעגט מיט דעם איינקל קומען צופאָרן אין דער שטאָט און אָפּזיצן דאָרט אַזוי לאַנג, ביז די טרופּע פלעגט זיך

ווייטער נעמען רירן אין וועג אַריין. די באָבע פלעגט זיך מיטן איי־ניקל אומקערן צוריק קיין זדונסקע־וואָליע.

וועגן אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל פון יענער צייט דערציילט ליפּאָווסקאַ:

אין פּאָלטאַווע איז דאָס געווען. זי האָט אַ לענגערע צייט ניט געהאַט קיין שום ידיעות פון איר בן־יחיד. אויף אַלע אירע שריפט־לעכע אָנפראַגן האָט זי קיין תשובה ניט באַקומען האָט זי געשיקט אַ דעפּעשע מיט אַ באַצאָלטן ענטפער. ס'איז אָבער אַלץ קיין ענטפער ניט געקומען. איז זי אין מיטן העלן טאָג ניט זאָגנדיק קיינעם קיין וואָרט אַנטלאָפן פון דער טרופּע פון פּאָלטאַווע קיין זדונסקע־וואָליע.

אָנגעקומען אַהין טרעפט זי איר מאַמען מיט איר קינד אויפן האַנט.

— סטייטש, מאַמע, וואָס האָסטו מיר ניט געענטפערט, איך האָב דאָך דיר דעפּעשירט, וואָס איז מיטן קינד?

— דאָס קינד איז ברוך השם געזונט, אַלץ איז אין בעסטן אָרדע־נונג, איז וואָס וועל איך גיין גלאַט אין דער וועלט אַריין קלאַפּן דעפּעשן...

ליפּאָווסקאַ איז דאַן אָפּגעווען אַ פּאָר טעג לעבן קינד און זיך אומ־געקערט צוריק אין דער טרופּע קיין פּאָלטאַווע.

שמחהלע האָט זיך געהאָדעוועט אין זדונסקע־וואָליע ביז אַ יאָר 6־7.

ער איז שוין דאַן געווען אַדאָפּטירט פון באַרימטן יידישן טעאַטער־דירעקטאָר נחום ליפּאָווסקי, וועלכער האָט פאַר דער צייט חתונה געהאַט מיט זיין מוטער, וועלכע איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט זשעליאַזאָן.

נחום ליפּאָווסקי נעמט אַריבער זיין אַדאָפּטירטן זון מיט זיין פרויס עלטערן קיין ווילנע אין זיין איינגעאָרדנטער היים (אויף מאָ־ניושקאָ 23).

אין 1914 האָט נחום ליפּאָווסקי באַשלאָסן אַרויסצופאָרן מיט זיין טרופּע אין אַן אייגענעם וואַגאָן קיין סיביר. ער האָט באַשלאָסן מיט־צונעמען אין וועג אויך סאַשינקען, (אַזוי האָט שמחהלען זיין נייער טאַטע גערופן).

מען האָט דעם קליינעם אַראָפּגעבראַכט צום באַן, אָבער ער איז אַזוי צוגעוואוינט געווען צו דער באָבען, אַז ער איז אין דער לעצטער מינוט, פאַרן אָפּגיין פון צוג, אַנטלאָפן צוריק צו איר.

אַזוי אַרום האָט דער קליינער ליפּאָווסקי אין די מלחמה־יאָרן פון 1914 — 1918 שוין געמוזט אַדורכמאַכן אַ סך שווערע טעג אין זיין לעבן.

שיקן שטיצע פון וועג איז, אין יענע אומלעגאַלע טעג, ניט מעגלעך געווען. און אַלס ייִנגל האָט ער זיך שוין געמוזט באַשעפ־טיקן ביי פאַרשיידענע אַרבעטן כדי זיך אַליין צו העלפן.

גלייכצייטיק לערנט ער זיך אין דער ווילנער העברעאישער גימ־נאַזיע. ער איז געווען זייער אַ פעאיקער און זיך גוט געלערנט. אַזוי אַרום האָט ער אין משך פון איין יאָר מיט דער הילף פון אַ לערער אין שטוב דורכגעמאַכט 3 קלאַסן גימנאַזיע. פון 2־טן קלאַס גייט ער אַריבער גלייך אין 5־טן.

אין גימנאַזיע באַטייליקט ער זיך צום ערשטן מאָל אין אַ פאָר־שטעלונג. ער לערנט זיך דאָרט אויך שפּילן קלאַוויר.

אין 1920, נאָכן צוריקקערן פון זיינע עלטערן פון רוסלאַנד, פאָרט ער צוזאַמען מיט זיי קיין קאָוונע, וואו ער שפּילט פון צייט צו צייט קליינע ראָלן אין זיין פאָטערס טרופּעס.

ליפּאָווסקי, וועלכער איז פון זיינע ייִנגסטע יאָרן אָן געווען אַ גוטער ספּאָרטלער, ווערט דער הויפּט־אינסטרוקטאָר פון דער קאָוונער „מכבי״. גלייכצייטיק באַזוכט ער אַ רוסישע גימנאַזיע. פירט אויך אָן און רעזשיסירט פאַרשיידענע ליבהאָבער־אויפפירונגען.

אין 1923 קומט ער צוריק קיין ווילנע, אַ קורצע צייט שפּילט ער אין ייִדיש. רעזשיסירט אַ רוסישע פאָרשטעלונג און אַרבעט ביים בויען דעם ייִדישן פאָלקס־טעאַטער אין ווילנע.

אין 1926 האָט סאַשע ליפּאָווסקי חתונה מיט זיין יוגנט־חברטע סאָניע מינץ [27]).

פּראָפעסיאָנעל האָט ליפּאָווסקי אָנגעהויבן צו שפּילן אין 1927.

ער פאָרט דאַן אַרום אַלס פּראָפעסיאָנעלער פאַט־קאָמיקער מיט פּראָווינץ־טרופּעס. שפּילט דערנאָך מיט משה ליפּמאַן אין ווילנער פאָלקס־טעאַטער. שפּעטער מיט דער באַוואוסטער אָפּערעטן־שוישפּי־לערין קלאַראַ יאַנג און מיט מאָריס ליאַמפּע.

דעם 24־טן דעצעמבער 1928, שטאַרבט אין ווילנע נחום ליפּאָוו־סקי — סאַשעס אַדאָפּטירטער פאָטער. די לוויה פון נחומען איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקער דעמאָנסטראַציע פאַרן ייִדישן טעאַטער. אין דער לוויה האָבן אָנטייל גענומען אַ פיל־טויזנט־קעפּיקער עולם. דעלעגאַציעס פון אַלע קולטור־אינסטיטוציעס האָבן מאַרשירט פאַרן אָרון מיט קרענץ און טראַנספּאַראַנטן.

מען האָט אים מקבר געווען אין דער הויפּט־אַלייע פון ווילנער בית־עולם און אין אַ קורצער צייט אַרום אויף זיין קבר געשטעלט אַ מצבה פון גרויסע פּירקאַנטיקע שטיינער און אין מיטן אַריינגעמויערט אין מאַרמאָר אַ פאָטאָ־ראַפּיע פון נחום ליפּאָווסקי.

דער טויט פון נחום ליפּאָווסקי האָט זיך סיי מאָראַליש און נאָך

מער מאַטעריעל אָפּגערופן אויף סאַשע ליפּאָווסקי מיט זיין משפחה. דער שטענדיקער פאַרזאָרגער איז אַוועק פון דער וועלט און ס׳איז אויסגעקומען זיך אַליין אונטערצוגאַרטלען.

אַ קורצע צייט אַרבעט דאַן ליפּאָווסקי חוץ אין טעאַטער אויך אַלס בוכהאַלטער אין אַ האָלץ־פירמע.

אין מאַי 1929 ווערט ער אַנגאַזשירט אין דער „ווילנער טרופּע" קיין קראָקע. ער שפּילט דאָרט די ראָל פון „שלמהלע" אין דער אינ־סצעניזירונג פון שלום אַשס „קידוש השם".

ליפּאָווסקי קערט זיך אום צוריק קיין ווילנע וואו ער שפּילט פּאַט־ראָלן אין דער טרופּע בראש מיטן אַמעריקאַנער סטאַר קאָנאַפּקין.

אין 1931 ווערט ער אַריינגענומען ווי אַ מיטגליד אין פּראָפעסיאָ־נעלן אַרטיסטן־פאַראיין אין פּוילן און ווערט גלייכצייטיק באַשטימט פון טעאַטער־דירעקטאָריאַט, וועלכער האָט זיך דאַן געגרינדעט, אַלס געהילפס־געשעפטס־פירער אין זאַסלאַווסקיס טרופּע. ער שפּילט דעם סעזאָן אין ווילנער פאָלקס־טעאַטער און באַזוכט גלייכצייטיק דעם מוזיקאַלישן אינסטיטוט כדי זיך צו פאַרפולקאָמען אין טעאָרעטישע לימודים.

אין 1932־1933 פאָרט ער אַרויס מיט אַ טרופּע בראש מיט משה ליפּמאַן קיין לאָדזש און קראָקע.

נאָכן צוריקקומען קיין ווילנע פירט ער אויף פאָרשטעלונגען אין דער עספּעראַנטאָ־שפּראַך. (צווישן אַנדערע אַ פראַגמענט פון אַנסקיס „דיבוק" אין עספּעראַנטאָ).

אין די יאָרן 1934־1935 שפּילט ליפּאָווסקי אין קאָוונע אין אַ טרופּע, וואו עס גאַסטראָלירן נאָך דער ריי די אַמעריקאַנער סטאַרן: היימי דזשייקאָבסאָן, גאָלדינבורג, לודוויג זאַץ — ביז דעם באַרימטן דראַמאַטישן שוישפּילער וועלכער איז פון דער רוסישער בינע אַריבער אויף דער יידישער — ד״ר פּאול באַראַטאָוו א״אַ.

אין יענער צייט שטעלט ער צונויף אַ קאַלענדאַר אויף 5.000 יאָר.

אין 1936 שפּילט ער צוריק אין ווילנע אין דער טרופּע פון רודאָלף זאַסלאַווסקי, ער ווערט דאַן קראַנק צוזאַמען מיט זיינע צוויי טעכטערלעך אויף סקאַרלאַטין אָבער אַלע זיינען זיי בשלום די קראַנקייט אַריבערגעקומען. און ער שפּילט ווידער אין „אונדזער טעאַטער".

אין די יאָרן 1937 — 1939 ביזן סאַמע אויסברוך פון דער פּויליש־דייטשער מלחמה אַרבעט ער אין דער ווילנער ראַדיאָ־פאַבריק „עלעק־טריט" ווי אַ ביוראַליסט־בוכהאַלטער.

נאָכן ערשטן אַריינמאַרש פון די סאָוועטן קיין ווילנע, פאָרט ער

אַרויס צוזאַמען מיט זיין משפחה קיין מערב־ווייסרוסלאַנד (גראָדנע), מיט אַ טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון אברהם מאָרעווסקי.

זעקס חדשים זיינען זיי אָפּגעווען אין גראָדנע און באַקומענדיק פּליטים־פּעסער געמוזט פאַרלאָזן גראָדנע און זיך אַוועקלאָזן וואַנדערן ווי אין די אַלטע „גוטע" צייטן מיט אַ וואַנדער־טרופּע, בראש מיט מאָריס ליאַמפּע.

צוליב פאַמיליע־סיבות פאַרלאָזט ליפּאָווסקי אין סלאָנים די טרופּע און פאָרט אַוועק קיין סוויר, וואו ער אַרבעט אַלס אָנפירער פון די שול־כאָרן און דראַמאַטישע קרייזן, ווי אויך אַלס פאַרוואַלטער פון דער שטעטלשער ביבליאָטעק.

אין 1941 פאָרט ער אויף דערגענצונגס־קורסן פאַר ביבליאָטעקאַרן קיין ביאַליסטאָק און סוף יאָר, קערט ער זיך אום אין זיין היים־שטאָט ווילנע.

נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן קיין ווילנע, געלינגט אים אַרויסצוגיין פון שטאָט, און זיך דערשלעפּן צופוס ביז סמאָלענסק, נאָכן אָפּוואוינען דאָרט 5 וואָכן מוז ער זיך אָבער צוריקקערן קיין ווילנע.

אין געטאָ, ניט האָבנדיק קיין געלט שיין, איז ער אין איינער אַ פינצטערער נאַכט, ערב אַ רייניקונג, אַריבערגעקראָכן איבער אַ פּלויט און איז אַוועק איבערן שטאָט. אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן און אינדערפרי אַוועק אין זיין איינהייט אויף דער באַן וואו ער האָט דעמאָלט געאַרבעט — פּרובירן מזל. אפשר וועט ער פאָרט באַקומען אַ געלן שיין. ס'איז אים אָבער ניט געלונגען, און ער איז געבליבן אין שטאָט.

ווען עס איז אין געטאָ אַ ביסל רואיקער געוואָרן, האָט ער נאָך פאַרשיידענע איבערלעבונגען אויף דער „אַרישער זייט" זיך צוריקגעקערט אין געטאָ.

ביי אַלע וויטערדיקע רייניקונגען איז ער שוין פון געטאָ ניט אַרויס. מיט זיין מאַמען, ווייב און קינדער, האָט ער זיך אין פאַרשיידענע באַהעלטענישן אויפגעהאַלטן. אויף בוידעמער און אונטער פאָדלאָגעס געלעגן. פון די אַלע „אָנגענומענע" שפּאַצירן איז אים דאָס יינגסטע קינד קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

ערשט ווען אין געטאָ איז, אין יאַנואַר 1942, פאָרגעקומען דער ערשטער קאָנצערט איז ער צוזאַמען מיט אַלע „ניט לעגאַלע" אַרטיסטן און מוזיקער לעגאַליזירט געוואָרן.

ענדלעך האָט ער באַקומען, פאַר זיך מיט זיין משפחה, דעם אין פּיין־אויסגעטרוימטן — געלן שיין.

לאַנג אָבער האָט זיין גליק ניט אָנגעהאַלטן.

בעת דער ערשטער פאָרשטעלונג, ווען דער געטאָ־טעאַטער האָט

זיך פון רעאַל־גימנאַזיע אַריבערגעטראָגן אין געטאָ־טעאַטער־זאַל, האָט ער געזאָלט שפּילן די ראָל פון „דוד הראובני" אין א. לעיעלעס „שלמה מולכו". ער איז אָבער קראַנק געוואָרן און נאָכן אָפּמאַטערן זיך צוויי וואָכן אין שפּיטאָל, האָט ער זיין יונג לעבן פאַרענדיקט.

פרייטיק, דעם 24־טן אַפּריל 1942, האָט אים זיין משפחה צוזאַמען מיט זיינע חברים, די געטאָ־אַרטיסטן, אין שפּיטאָל באַוויינט און אין זעלבן טאָג אים צום געטאָ־טויער געפירט און פון דאָרט האָט מען אים אויפן ווילנער זאַרעטשער בית־עולם אַוועקגעפירט.

*
**

ניט ווייט פון גרויסן געמויערטן קבר פון טעאַטער־דירעקטאָר נחום ליפּאָווסקי, ליגט זיין אַדאָפּטירטער זון, סאַשע, אונטער אַ קליין בערגעלע ערד, אָן אַן אויפשריפט אפילו.

דער טויט האָט זיי ביידן צוזאַמענגעבראַכט.



שבתי בליאַכער

(16 יאַנואַר 1904 — 19 סעפּטעמבער 1944)

געבאָרן אין ווילנע, דער פֿאָטער, הירש, אַן אָנגעשטעלטער, און די מאַמע דינה האָבן געגעבן זייערע קינדער, ליזע, שבתי און מנחם אַ יידישע דערציאונג.

שבתי האָט געלערנט אין חדר און נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, אין דער שטאָטישער „תורת אמת" און אין הרב איסראָעלאָווס „תפארת בחורים"־שול. אין 1917 איז ער אָנגעקומען אין דער אָקערשט געגרינדעטער גמנסיה עברית.

שבתי בליאַכער

ווען אין 1919 זיינען אַ גרופּע ווילנער קינדער אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַ זומער־קאָלאָניע לעבן וואַרשע, איז אויך שבתי מיטגעפאָרן. באַגייסטערט פון די לידער, לימודים און פאָרשטעלונגען אין דער יידישער שפּראַך אין דער קאָלאָניע, איז שבתי פאַרבליבן אין וואַרשע און אָנגעקומען אין דער יידישער שול אויף דלוגע 26. אָבער נאָך אַנדערהאַלבן יאָר אין דער פרעמד, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע און געוואָרן אַ שילער אין ווילנער יידישן טעכניקום (1920).

דער אינטערעס צו טעאַטער, האָט זיך דערוועקט ביי שבתין אין זיין פריסטער יוגנט. אין 10־יאָריקן עלטער דרייט ער זיך שוין אַרום די טעאַטערן, ביז ער שליסט אויף אַ גאָר אָריגינעלן אופן אַ נעענטערע באַקאַנטשאַפט מיט אַ טעאַטער־סטאָר.

קריכנדיק איינמאָל איבער אַ פּלויט, כדי זיך אַריינצוקריגן אין צירק־טעאַטער, האָבן אים די בילעטיאָרן געכאַפּט, אָבער שבתין איז געלונגען זיך איינצובעטן ביי זיי, זיי זאָלן אים נישט אַרויסוואַרפן „ווי געוויינלעך", נאָר ברענגען צום גאַסטראָלירנדיקן אַרטיסט סאַקאָ־

לאָוו, הינטער די קוליסן. סאָקאָלאָוו איז געפעלן דער יונגער אייפּע־ריקער טעאַטער־ליבהאָבער, און פאַרן פּרייז פון אונטערטראָגן דעם טשעמאָדאַן אין טעאַטער, צוניאַנטשען סאָקאָלאָווס זינדל הינטער די קוליסן, וכדומה מלאכות, האָט שבתי באַקומען אַ פרייען אַריינגאַנג אין טעאַטער.

בקרוב, האָט שבתי אויך באַטראָטן די סצענע. אין 2־טן אַקט פון לעאָן קאָברינס „דאָרפס יונג" איז ער אַריינגעפאָרן אין אַ וואָגן אויף דער בינע. און נאָך אַזאַ אַנזעעוודיקן סצענישן „אַריינפאָר", איז שוין זיין טעאַטער־קאַריערע געוואָרן געחתמעט.

אין דער עברית־גימנאַזיע איז שבתי געווען איינער פון די אי־בערגעגעבנסטע מיטגלידער פון דראַמאַטישן קרייז און געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלן אין די שול־פאָרשטעלונגען. ווען אברהם מאָרעווסקי האָט אין 1917 אויפגעפירט מיטן דראַמקרייז אין גימנאַזיע אַ העב־רעאישע פּיעסע „דוד וגלית", האָט שבתי געשפּילט איינע פון די הויפּט־ראָלן.

אויך אין דער זומער־קאָלאָניע פאַר די ווילנער קינדער לעבן וואַרשע איז שבתי געווען דער איניציאַטאָר פון אַ דראַמאַטישן קרייז, און מיט דער מיטהילף פון די לערער צוגעגרייט יעדע צוויי וואָכן אַ נייע פאָרשטעלונג מיט די קינדער.

ווען עס איז ביי דער ווילנער קונסט־געזעלשאַפט געשאַפן גע־וואָרן (אין 1921) אַ טעאַטער־סטודיע אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון אונגאַריש־יידישן רעזשיסער בעלאַ דאַניעל און דעם יידיש־רוסישן אַרטיסט אַברהם סלאָבאָדסקי, איז שבתי געווען איינער פון די ערשטע סטודיאַנטן. ער רייסט אַפילו איבער דאָס לערנען אין טעכניקום און ווידמעט זיך אינגאַנצן דער אַרבעט ביים טעאַטער: ווי אַ ראָלן־איבערשרייבער, סופליאָר, אַרטיסט און איבערזעצער אין אינטערמעדיען־טעאַטער ביי דער ווילנער קונסט־געזעלשאַפט.

ש. בליאַכער האָט איבערגעזעצט פאַרן טעאַטער עריך קאָרנס „קאָלאָמבינאַ", סעמיאָן יושקעוויטשעס „זילבערמאַנס אײדים", אַרקאַדי אַווערטשענקאָס „פילימאָן בובזיקין" און אַליין אָנגעשריבן אַן איינ־אַקטיקע קאָמעדיע „אַקטיאָרן" (1924). די אַלע איינאַקטערס זיינען מיט דערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן דורך ש. בליאַכערן, און אַנדערע ווילנער ליבהאָבער מיט זייערע דראַמאַטישע קרייזן, אין ווילנע און פּראָווינץ.

איינצייטיק מיט זיין אַרבעט אין טעאַטער, איז ש. בליאַכער גע־ווען טעטיק אין די בעסטע דראַמאַטישע קרייזן אין ווילנע און אומ־געגנט, ווי אַן אַרטיסט, פאַרלייענער און רעזשיסער. אין רעפּערטואַר פון ש. בליאַכערס ליבהאָבער־קרייזן זיינען אַריין די איינאַקטערס און

עסקיזן פון אינטערמעדיען־טעאַטער, פון א. אַווערטשענקאָ („זקנים״, „אָן אַ שליסל״, „זאַלבעפערט״), א. רייזען („רואיקע דירה״), ג. בעל („הערקולעס״), משה קולבאַק („ל״ו״), ז. סעגאַלאָוויטש („די וואַנט״), דוד פּינסקי, בעלאַ דאַניעל, גאָלדין א. אַנד. און אַ גאַנצע ריי גרעסערע פּיעסן פון בעסערן יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר, ווי: ד. פּינסקיס „יאַנקל דער שמיד״, בערגערס — „מבול״, טשיריקאָווס — „די יידן״, בימקאָ — „גנבים״, „שבר״ א. אַנד.

אין 1923 האָט ש. בליאַכער פאַרענדיקט די ווילנער דראַמאַטישע שול און געוואָרן אַנגאַזשירט ווי אַן אַרטיסט און סופליאָר אין יידישן טעאַטער־אַנסאַמבל פון ווילנער „פּאַלאַס״־טעאַטער. געשפּילט צוערשט אונטער א. מאָרעווסקיס רעזשי („דיבוק״, „טאָג און נאַכט״) און דערנאָך מיט א. סאַמבערג. אַ קורצע צייט מיטגעשפּילט מיט קדיש־כאַש־זיידערמאַן אין דער אָפּערעטע (1925) און דאַן מיט ז. טורקאָוו, קוטנער, א. מאָרעווסקי און משה ליפּמאַן. אין 1926 איז בליאַכער אַנגאַזשירט געוואָרן אין ריגער „נייעם יידישן טעאַטער״, וואו ער האָט זיך באַוויזן אין אַ ריי באַדייטנדע ראָלן און איז במשך פון עטלעכע יאָר געווען דער אָונט־רעזשיסער פון טעאַטער. פון ריגע צוריקגעקומען קיין ווילנע און געשפּילט מיט די בעסטע יידישע דראַמאַטישע טרופּעס אין שטאָט און אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון דער פּוילישער פּראָווינץ, צווישן אַנדערן מיט: יוליוס אַדלער, ישראל רובין, ב. יאַנג, יונגוויץ, ברייטמאַן, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, קורט קאַטש, יהודה יוליו, זיגמונט און יאָנאַס טורקאָוו, אסתר־רחל און אידאַ קאַמינסקי.

ש. בליאַכער, פון אַמפּלוּאַ אַ כאַראַקטער־אַקטיאָר, האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס דן אין ז. סעגאַלאָוויטשעס „די וואַנט״ (אַרויסלאָזפאָרשטעלונג פון דער ווילנער דראַמאַטישער סטודיע), ר׳ מלך שענקער אין ש. אַש „מאָטקע גנב״, הערש־בער אין ל. קאָברינס „דאָרפס יונג״, אקסל אין י. גאָרדינס „שבועה״, רב אביש אין ה. סעקלערס „דעם צדיקס נסיעה״, אייזיק־מאיר דיק אין מאַרק ראַזומניס „מאָטקע חב״ד״ דער לץ אין אַ. קאַציזנעס „דוכוס״ און אַ ריי אַנדערע ראָלן.

ווען די סאָוועטן האָבן אין 1940 פאַרנומען ווילנע און עס איז דאָרט שפּעטער געשאַפן געוואָרן דער מלוכהשער יידישער טעאַטער איז ש. בליאַכער איינגעשלאָסן געוואָרן אין אַנסאַמבל און אָנטייל גענומען אין אַלע אויפפירונגען פון טעאַטער: קאָרנייטשוקס „פּלאַטאָן קרעטשעט״, מ. דאַניעלס „יוליס״ (4 טעג), דאָברושינס „דאָס געריכט גייט״ און שלום־עליכמס „200.000״. ווען דער פאָרהאַנג פון דער לעצטער יידישער טעאַטער־פּרעמיערע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, האָט זיך אָנגעהויבן די פּרעמיערע פון נאַצישן אָנפאַל אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין די טרויעריקע באַדינגונגען פון ווילנער געטאָ, צווישן איין טויטן־אַקציע און אַ צווייטער, איז ש. בליאַכער געקומען מיט דעם, אויפן ערשטן קוק כמעט אומגלויבלעכן, פאָרשלאָג צו שאַפן אַ יידישן טעאַטער אין געטאָ.

אויף סטראַשון גאַס 7, אין בליאַכערס קליינעם צימערל, האָבן זיך סוף 1941 פאַרזאַמלט די נאָך לעבן געבליבענע יידישע אַרטיסטן מיטן פאָעט א. סוצקעווער און נאָך לאַנגע שמועסן באַשלאָסן צוצו־טרעטן צו שאַפן אַ טעאַטער.

נישט געקוקט אויף דער ערשטער אָנגעטראָפּענער קעגנערשאַפט: אויף אַ בית־עולם שפּילט מען נישט קיין טעאַטער! — האָבן פאַרביטער־טע געטאָ־יידן באַגעגנט די איניציאַטיוו מיט פלוג־בלעטלעך אין די געטאָ־געסלעך, איז דער טעאַטער שנעל געוואָרן איינער פון די באַ־דייטנדיקסטע פאַקטאָרן פאַר דער גייסטיקער אויפמונטערונג און דער־מוטיקונג אין שווערן און טרויעריקן לעבן פון די יידן אין ווילנער געטאָ.

במשך 1942 האָט דער טעאַטער געגעבן 120 פאָרשטעלונגען ביי פול געפאַקטע זאַלן. פון זיינע 7 רעווי־פּראָגראַמען און פיר טעאַ־טער־אויפפירונגען, האָבן די צאָל באַזוכער דערגרייכט ביז 38.000 פערזאָן. (א. סוצקעווער ז״ז 112, ד״ר דוואָזשעצקי ז״ז 208).

דווקא אין געטאָ איז ש. בליאַכער געוואָרן באַזונדערס געזעל־שאַפטלעך אַקטיוו. אַנטייל גענומען אין די אָוונטן פון יוגנט־קלוב אויפגעטראָטן מיט רעציטאַציעס פון חיים גראַדעס „יחזקאל״ א. אַנד.

אין דער פאַראייניקונג פון ליטעראַטן, קינסטלער און אַרטיסטן אין ווילנער געטאָ איז בליאַכער אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פאַר־וואַלטונג (צוזאַמען מיט ז. קאַלמאַנאָוויטש, י. גערשטיין, הערמאַן קרוק, א. סוצקעווער, ה. גוטגעשטאַלט, י. שור, מ. שאַדאָווסקי און יוסף גלאַזמאַן) און שפּעטער געוואָרן סעקרעטאַר פון דער פאַראייניקונג.

ש. בליאַכער איז געווען אַן אָנטיילנעמער אין שרייבן די אָנ־דענקס־כראָניק פון די דערמאָרדעטע יידישע שרייבער, קינסטלער, אַרטיסטן און וויסנשאַפטלער אין ווילנע, אין רעזולטאַט פון וועלכן ער האָט צוגעגרייט זיין אַרבעט: „צוואַנציק און איינער״, וועגן די ערשטע 20 אומגעבראַכטע און איין געשטאָרבענעם יידישן אַרטיסט (ש. ליפּאָווסקי) אין ווילנער געטאָ.

ווי ש. קאַטשערגינסקי דערציילט, האָט ש. בליאַכער ד. גל. אָנ־געשריבן אַ נאָוועלע וועגן אומקום פון זיין מאַמען אין געטאָ („חורבן ווילנע״, ז״ז 221).

אַרויסגעפירט געוואָרן בשעת דער ווילנער געטאָ־ליקווידאַציע (דעם 23־טן סעפּטעמבער 1943) קיין עסטלאַנד, האָט שבתי אויסגע־

האַלטן אין דער שווערער נאַצישער שקלאַפן־אַרבעט ביז אַ טאָג פאַר דער באַפרייאונג. צוזאַמען מיט די 1,800 ווילנער יידן אין קאָנצ־לאַגער קלאָאָגע (ביי רעוועל), איז ש. בליאַכער דערשאָסן און פאַרברענט געוואָרן דעם צווייטן טאָג ראש השנה, תש"ה (19 סעפּטעמבער 1944).

די אַריינמאַרשירנדע רויטע אַרמיי האָט נאָך געפונען די רויכערנ־דיקע שייטערס מיט די ניט־דערברענטע גופים.

דער שייטער אין קלאָאָגע (עסטלאַנד)

ש. בליאַכערס פרוי, די אַקטריסע געניע שאַפּיראָ, איז אומגעקומען אין אַ צווייטן נאַצישן קאָנצלאַגער אין עסטלאַנד.

זיין ברודער, דער אַרטיסט מיטיע (מנחם) בליאַכער, אַבסאָלווענט פון דער ערשטער יידישער דראַמאַטישער סטודיע אין ווילנע, אָנטייל־נעמער פון די בעסערע יידישע דראַמאַטישע קרייזן און מיט־מחבר פון אַ פּאָפּולערן סקעטש „טערקישע פינקטלעכקייט" (צוזאַמען מיטן אַרטיסט ראובן־אַלטער אָגוז), איז מיט זיין פרוי אומגעקומען אויף דער אַרישער זייט. זייער טאָכטער האָט איבערגעלעבט ביי אַ קריסט־לעכן פריינד און געפינט זיך אין מעקסיקע.

ש. בליאַכערס שוועסטער ליזע איז באַפרייט געוואָרן פון אַ נאַ־צישן קאָנצלאַגער און געפינט זיך אין מדינת ישראל.

צווישן די לעבן־געבליבענע שליסן מיר אַצינד איין ש. בליאַכערס אומקום־כראָניק פון די יידישע אַרטיסטן אין ווילנער געטאָ.

. . . און אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאַר :
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור! — (ה. גליק).

לייזער ראַן

באַמערקונגען:

נומ. זייט

1 7 קיטעל — דער „בעל־הבית פון פּאָנאַר" — נאַצי־ליקווידאַטאָר פון ווילנער געטאָ און 6 געטאָס אין לעטלאַנד, ליטע און פוילן. פון פאַך — אַ זינגער און סאַקסאָפאָניסט.

2 14 אומע אָלקעניצקי — פאַרוואַלטערין פון טעאַטער־מוזיי ביים ייוואָ אין ווילנע, צייכן־קינסטלערין, אומגעקומען אין טרעבלינקע. ביאָגראַפיע אין לערער יזכור־בוך, ז״ז 443/4.

3 15 דוד אומרו — יונגער יידישער שרייבער פון קאָוונע, ליטע. אין 1941 — רעדאַקטאָר פון „ווילנער עמעס" און דירעקטאָר פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין ווילנע. אומגעבראַכט אין ערב־געטאָ פּעריאָד דורך די „כאַפּערס". ביאָגראַפיע אין „נייער לעקסיקאָן" 1 ב. נ״י 1956, ז״ז 35.

4 15 שלמה בארטענשטיין — יידישער קאָמוניסט פון קאָוונע. אין 1941 געהילפס־דירעקטאָר פון ווילנער יידישן מלוכה־טעאַטער.

5 15 יהושע לוניאַנסקי — אַבסאָלווענט פון דער דראַמאַטישער סטודיע ביי דער ווילנער יידישער קונסט־געזעלשאַפט (1923) אָנפירער פון דראַמאַטישע קרייזן אין ווילנע און אומגעגנט. סעקרעטאַר און אָנפירער פון דראַמקרייז אין ווילנער יידישן טויב־שטומען פאַראיין. שניידער. אומגעקומען אין פּאָנאַר 1941. זיין ברודער, דער אַרטיסט מיירים (לוניאַנסקי) — אומגעקומען אין אַ סאָוועטישן קאָנצלאַגער.

6 15 שבתי בליאַכער — ביאָגראַפיע אין זלמן זילבערצווייגס לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער, (1 באַנד, נ״י 1931; 2 ב., וואַרשע 1934; 3 ב., נ״י 1960); 1 ב. ז״ז 179. נאָטיץ אין ש. קאַטשערגינסקיס „חורבן ווילנע", נ״י 1947, ז״ז 221/2.

7 21 לייב שריפטזעצער — נאָטיץ וועגן זיין אומקום אין „חורבן ווילנע", ז״ז 228.

8 26 פראַניע ווינטער — נאָטיץ אין „חורבן ווילנע", ז״ז 224.

9 31 מאָריס ליאַמפּע — ביאָגראַפיע אין ז. זילבערצווייגס טעאַטער לעקסיקאָן ב. 2, ז״ז 992־993; נאָטיץ וועגן זיין אומקום „חורבן ווילנע", ז״ז 226.

10 34 לעאָ הערבסט — נאָטיץ אין „חורבן ווילנע", ז״ז 224.

11 37 יוסף כאַש — ביאָגראַפיע אין טעאַטער לעקסיקאָן 1 ב., ז״ז 798/9, נאָטיץ אין „חורבן ווילנע", ז״ז 226.

12 38 נחום ליפּאָווסקי — ביאָגראַפיע אין טעאַטער לעקסיקאָן 2 ב. 1098־1103.

13 38 אידינאַ (שעוואַכאָוויטש־כאַש) — ביאָגראַפיע אין טעאַטער־לעקסיקאָן ב. 1, ז״ז 48; נאָטיץ אין „חורבן־ווילנע", ז״ז 232.

14 39 אברהם גראָדנער־כאַש (אַבראַמאָוו) — דער איינציקער לעבן־געבליבענער פון דער כאַש־משפּחה. שפּילט נאָך דער 2טער וועלטמלחמה אין יידישן מלוכה־טעאַטער אין פוילן. ביאָגראַפיע אין טעאַטער־לעקסיקאָן ב. 1, ז״ז 507.

15 44 קדיש־כאַש — נאָטיץ אין „חורבן ווילנע", ז״ז 226.

16 45 נחמה (ליפשיץ־כאַש) — ביאָגראַפיע אין טעאַטער־לעקסיקאָן ב. 2, ז״ז 1446/17.

17 47 וועלפקע (א׳ס׳אַן) — דער ווילנער ליטעראַריש־אַרטיסטישער רעסטאָראַן, פאַראייביקט אין חיים גראַדעס פּאָעמע „אין שענק״.

18 49 פרידאַ וויטאַלינאַ — ביאָגראַפיע אין טעאַטער־לעקסיקאָן, 1 ב., ז״ז 670, נאָטיץ אין „חורבן ווילנע״, ז״ז 225.

19 52 ניקאָלאַי עליאַשעוו — נאָטיץ אין „חורבן ווילנע״, ז״ז 223.

20 67 יוסף ווידעצקי — שניידער־געזעלן, באַקאַנטער ווילנער ליבהאָבער, נאָך דער וועלט־מלחמה יידישער אַקטיאָר אין מדינת ישראל.

21 70 פּיניע זיגעלבוים — נאָטיץ אין „חורבן ווילנע״, ז״ז 225 (על פּי טעות אָנגעגעבן ווי פּיניע זיגעלמאַן).

22 73 אברהם סטאָבער — נאָטיץ אין „חורבן ווילנע״, ז״ז 230, זיין פרוי, אידאַ נעלקין, זאָל לויט ש. קאַטשערגינסקי, זיך האָבן געראַטעוועט.

23 77, 78, 80 ישראל און שרה זובאַק — נאָטיץ אין „חורבן ווילנע״ ז״ז 232.

24 85 לייזער זשעליאַזאָ — ביאָגראַפיע אין טעאַטער לעקסיקאָן, 1 ב., 797/8.

25 85 ליפּאָווסקאַ (־גלאַזער־וואָלסקאַ), אסתר — ביאָגראַפיע אין טעאַטער לעקסיקאָן, 2 ב., ז״ז 1097/8; נאָטיץ אין „חורבן ווילנע״, ז״ז 227.

26 85 שמחה (סאַשע) ליפּאָווסקי — ביאָגראַפיע אין טעאַטער לעקסיקאָן, 2 ב., ז״ז 1103/4.

27 87 סאָניאַ מינץ־ליפּאָווסקי, אומגעקומען אין אַ נאַצישן קאָנצלאַגער. איר טעכטערל צירעלע, לעבן געבליבן. נאָטיץ אין „חורבן ווילנע״ ז״ז 227.

28 ביאָגראַפיעס פון: שבתי און מנחם בליאַכער, דוד אומרו, אומע אָלקעניצקי, יהושע און מיירים לוניאַנסקי, יוסף ווידעצקי, מיכל קאַץ, ב. אַבעלסאָן, שמחה ליפּאָווסקי, ש. זאַבלאָצקי, ראובן אָגוז און מאַקס שאַדאָווסקי ווי אויך אָפּהאַנדלונגען וועגן אַנדערע ווילנער ליבהאָבער, דראַמקרייזן און מאַריאָנעטן־טעאַטער „מיידים״ געפינען זיך אין לייזער ראַנס לעקסיקאָן־אַנטאָלאָגיע: „יונג־ווילנע״, דער לעצטער שעפערישער דור צווישן ביידע וועלט־מלחמות, (אין כתב־יד) גרייט צום דרוק אין „ווילנער פאַרלאַג״.

בילדער אין בוך:

שערבלאַט — דער לעצטער עמבלעם פון ווילנער יידישן פאָלקס־טעאַטער (געצייכנט פון ב. מכתם) מאָנטירט מיטן פאַרהאַנג פון ווילנער געטאָ־טעאַטער (מאָנטאַזש־ראַליי, טעקסט פון שער־בלאַט געצייכנט פון ע. מ. ו ו י י נ ע ר).

11 דאָס ערשטע זייט פון ש. בליאַכערס מאַשין־געשריבענעם מאַנוסקריפּט.
16 ש. בליאַכערס בילד און זיין איינטריט־דעקלאַראַציע אין ייד. פּראָפעסיאָנעלן אַרטיסטן פאַראיין אין פּוילן, פון מערץ 1925, מיט די רעקאָמענדאַציע־אונטערשריפטן פון די אַרטיסטן א. קורץ און א. סאַמבערג.
20 פּאָנאר.
21 אַ פלוג־בלעטל פון לייב שריפטזעצערס רעציטאַציע־קאָנצערטן איבער ווילנער פּראָווינץ מיט אַ בילד פון ש־ן אין זיינע באַליבטע שלום־עליכמישע פּערסאָנאַזשן (ר׳ אָשרל דער לאַנד־שדכן פון יעהופּעץ).
26 פּראַניע ווינטער.
31 מאָריס ליאַמפּע.
37 יוסף כאַש.
42 אידינאַ כאַש.
44 נחמה און קדיש.
48 שטעמפּל פון איינעם פון די ערשטע ווילנער יידישע דראַמאַטישע קרייזן; ווילנער יידישע ליטעראַריש־מוזיקאַלישע דראַמאַטישע סעקציע א. נ. שלום עליכם (1913).
49 פרידאַ וויטאַלינאַ.
52 ניקאָלאַי עליאַשעוו.
53 עמבלעם פון ייקטאוו — יידישער קונסט טעאַטער אין ווילנע (1939־1940).
54 מוסיע סמאַרגאָנסקי און לעאָן קאַסווינער אין קאַטאַיעווס „דער בלומענוועג”.
62 שטעמפּל פון ווילנער דראַמאַטישן קרייז „אונדזער דראַמאַטישער ווינקל” אָנגעפירט פון אַלטן ווילנער ליבהאָבער ב. באָריסאָוו.
63 שמעון זאַבלאָצקי.
66 עמבלעם פון ווילנער יידישן מאַריאָנעטן־טעאַטער „מיידים” (1933־1941).
67 מיכאל קאַץ.
70 פּיניע זיגעלבוים.
73 אברהם סטאָבער.
75 אַ טייל פון דער קינסטלערישער פּראָגראַם צום 5־יאָריקן יובל פון דער „ווילנער טרופּע” (1916־1935) מיטן „פּאַדא”־עמבלעם (פאַראיין פון אידישע דראַמאַטישע אַרטיסטן).
77 ישראל זובאַק.
79 עמבלעם פון דער יידישער קונסט־געזעלשאַפט אין ווילנע (1922־1939).
80 עמבלעם פון „אונדזער טעאַטער” (געוו. פילהאַרמאָניע, נאָוואָגאָראָד און מאַקאָווע) אין ווילנע.
85 שמחה ליפּאָווסקי.
90 עמבלעם פון „ווילנער יידישער טעאַטער” (געוו. פאָלקס־טעאַטער, געגרינדעט פון נ. ליפּאָווסקי, אויף לודוויסאַרסקע 4). אין 1939.
91 שבתי בליאַכער.
95 דער שייטער אין קלאָאָגע, עסטלאַנד.

די אויסגעכתיבהטע נעמען פון די 21 אומגעקומענע אַרטיסטן — געצייכנט פון אומע אָלקעניצקי.

זוכצעטל פון נעמען
(טעאַטער־פּיעסן אונטערן נאָמען פון מחבר)

אַבעלסאָן, בן־ביון — 76, 97
אָגוז, אַלטער (ראובן) — 97
טערקישע פּינקטלעכקייט, איינאַקטער — 95
אַדלער, יוליוס — 93
אַווערטשענקאָ, אַרקאַדי
פּילימאָן בובזיקין, איינאַקטער — 92
זקנים, איינאַקטער — 93
אָן אַ שליסל, איינאַקטער — 93
זאַלבעפּערט, איינאַקטער — 93
אומרו, דוד — 15, 57, 96, 97
אונדזער דראַמאַטישער ווינקל, דראַמקרייז, ווילנע — 62
אונדזער ווינקל, יידיש טעאַטער, האָמעל — 31
אונדזער ווינקל, יידיש טעאַטער, כאַרקאָוו — 72
אונזער טעאַטער
באַקאַנט אויך ווי פילהאַרמאָניע, מכבי־זאַל; ביליגע קיך) ווילנע — 19, 27, 56, 61, 65, 68, 80 (עמבלעם), 88
אורקע נאַכאַלניק — 33,
דין תורה — 32
אידינאַ (שעוואַכאָוויטש־כאַש, אידע) — 38, 42־43, 96
איסראַעלאָוו, הרב — 91
אַלקעניצקי, אומע — 14, 96, 97
אַמעריקאַנער שלאגער־אָפּערעטעס — 45־46
דער אַמעריקאַנער ליטוואַק, אָפּערעטע — 40
אַנדרעיעוו, לעאָניד
זיבן געהאַנגענע — 46
דער וואָס קריגט די פּעטש — 22
אַנ—סקי, ש.
דיבוק — 45, 50, 78, 88, 93
טאָג און נאַכט — 50, 93
אַס, זעליג — 64
אָסטראָוויטש, זע זיגעלבוים
אַש שלום
מערי — 27
מאָטקע גנב — 27, 93
גאָט פון נקמה — 45
קידוש־השם — 50, 88
באַראַטאָוו, פּאול דר. — 88
באַראַטינסקי, באַלעסלאַוו — 8, 14
באַנדע, מאריץ — 35, 36
בארענשטיין, שלמה — 15, 96
ב׳רשטיין, פסח — 27
ב׳כנער, ג. —
וואָצעק — 71
ביל־בעלאָצערקאָווסקי
„דאָס לעבן רופט“ — 58, 71
בימקאָ, פישל
גנבים — 93
שבר — 93
בלומע, ב.
באָסטאָן — 71
בלומענפעלד, דיאַנאַ — 56
בליאַכער, געניע זע: שאַפּיראָ געניע
בליאַכער, דינה (בת מנחם) — 14, 17, 91, 94
בליאַכער, הירש — 91
בליאַכער, מיטיע (מנחם) — 4, 91, 95, 97
טערקישע פּינקטלעכקייט, איינאַקטער — 95
בליאַכער־מילאַקאָווסקי, ליזע — 91, 95
בליאַכער, שבתי — 4־5, 13, 14, 15, 16, 17, 91־95, 96, 97
אַקטיאָרן, איינאַקטער — 92
בעל, ג.
הערקולעס, איינאַקטער — 93
בעל מחשבות — 52
בענקענד־קע הערצער, אָפּערעטע — 33
בערגעלסאָן, דוד
דער טויבער — 50, 51
בערגער, ל.
מבול — 93
בערגער, ל. — 90
בערנאַדינער גאָרטן טעאַטער, ווילנע — 28
בערקאָוויטש, ד.
מאָשקע חזיר — 50
ברייטמאַן, פּאול — 93
ברעכער עגאָן — 50
גאָלדינבורג — 88

גאָלדאַניס,
האָטעל־ווירטין — 22
גאָלדין — 93
גאָלדפאַדען, אברהם — 17
בר כוכבא — 17, 45, 59
שולמית — 17, 18, 65
טרופע טאַנענצאפּ (לויט צווייַ קוני־
לעמלס — 71, 73
גאָרדין, יעקב
כאַסיע די יתומה — 38
די שחיטה — 38
די שבועה — 93
גוטגעשטאַלט, ה. — 94
גוצקאָוו, קאַרל
אוריאל אַקאָסטאַ — 32
גלאַזמאַן, יוסף — 94
גליק, הירש — 95
געזאַנג, נגינה — 31־32, 34, 35־36, 39,
40, 41, 73
גענס, יעקב — 13
גערשטיין, י. — 94
גראָדנער (כאַש) אברהם — 39, 96
גראַדע, חיים — 94, 97
דאָברושין, יחזקאל
דאָס געריכט גייט — 53, 57, 93
דאַניעל, בעלא — 92, 93
דאַניעל, מ(ייעראָוויטש)
יוליס (פיר טעג) — 19, 28, 57, 59,
66, 68, 69, 74, 76, 93
דאַשעווסקי, צבי־הירש — 46
דוד וגלית — 92
דוואָזשעצקי, מאַרק
ירושלים דליטע אין קאַמף און אומקום
— 13, 94
דזשייקאָבסאָן, היימי — 88
דיומאַ, אַלעקסאַנדער
קין — 22
דימאָוו, אָסיפּ
שמע ישראל — 40
יאָשקע מוזיקאַנט — 50
דיק, אייזיק־מאיר — 93
דראַמאַטישע קרייזן — 21, 31, 42, 50,
60, 64, 78, 89, 92, 95, 96, 97
דרייזער, טעאָדאָר
אַמעריקאַנער טראַגעדיע — 74

האַשעק, י.
וואָצעק — 71
הייערמאַנס, הערמאַן
פאַרלאָרענע האָפענונג, דראַמע — 71, 74
היסטאָרישע קאָמיסיע אין לאָדזש — 10
הירשביין, פרץ
גרינע פעלדער — 50
(פרץ) הירשביין־טרופע — 22
הערבסט, לעאָ — 34, 96
הערצער, לודוויג דר.
מאָרפיום — 61
וואול, עדוואַרד
פראָצעס — 71
וואָלף, לייזער — 21
ווידעצקי, יוסף — 67, 97
וויטאַלינאַ פרידא (שומליסקא פ.)
—49־51, 97
ווייכערט, מיכאל דר. — 70, 71, 73 (זע
אויך יונג־טעאַטער)
ווייניג, נפתלי — 53
ווילניוסער יידישער מוזיי — 10
ווילנער אינטערמעדיען טעאַטער (1920־
1921) — 92־93
ווילנער אָפּערעטן־טרופּע — 39
ווילנער געטאָ־פאַרלאַג — 13
ווילנער דראַמאַטישער טעאַטער (1925)
— 27
ווילנער טאָג — 27
ווילנער טעאַטער געזעלשאַפט — 51
ווילנער טעאַטער סטודיע (ביי דער
קונסט־געזעלשאַפט) — 92, 93, 96
ווילנער טרופּע — 18, 20, 50, 68, 88
ווילנער יידישער געטאָ־טעאַטער
שער־בלאַט, 94
ווילנער יידישער טעאַטער (געוו. פאָלקס־
טעאַטער) — 90 (עמבלעם)
ווילנער יידישער טעכניקום — 91
ווילנער יידישע ליטעראַריש־מוזיקאַלישע
דראַמאַטישע סעקציע אויפן נאָמען
שלום עליכם — 48
ווילנער יידישער מלוכה־טעאַטער (1941־
1942) — 11, 17, 18, 19, 28, 34, 40,
41, 43, 47, 51, 52, 53, 57, 60, 62,
66, 68, 71, 76, 79, 82, 84, 93, 96
ווילנער עמעס — 96

ווילנער פאָלקס־טעאַטער (גרינדער ג. לי־
פּאָווסקי — 1928) — 64, 87, 88, 90
ווילנער צירק — 40
ווילנער שטאָט־טעאַטער — 38, 61
ווינטער, פּראַניע (ראָזענראַט) — 26־30, 96
וויקט (וואַרשעווער יידישער קונסט־
טעאַטער) — 17
וועלפּקע (אוסיאַן) — 47, 97
זאַבלאָצקי, שמעון — 63־66, 97
זאַסלאַווסקי, רודאָלף — 22, 23, 27, 88
זאַץ, לודוויג — 88
זובאַק, ישראל — 77־79, 97
זובאַק, שרה (סאַראַ) — 78, 80, 97
זוסקין, בנימין — 5
זיגעלבוים, אַרטור — 70
זיגעלבוים, פּיניע (פּ. זיגעל) אַבראַמאָוויטש
— 70־72, 97
זיידערמאַן, ד.ד — 38, 93
זיידשנור־פרידמאַן — 8
זייפּערט, מ.
פּינטעלע ייד — 31, 48, 77
זילבורג, יאַדזיע — 54
זילבערצווייג, זלמן
לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער
— 96, 97
זינגער, י. י.
יאָשע קאַלב — 27
סאַוואַנקאָוו, באָריס וו. — 65
זעלווער, משה — 58־60, 62
זשולאַווסקי, יעזשי
שבתי צבי — 61
זשיטאָמירסקי, טעאַטער דירעקטאָר — 31
זשעליאַזאָ, לייזער — 85, 86, 97
טאָלסטאָי, ל.
לעבעדיקער מת — 65
טורקאָוו, יאָנאַס — 51, 56, 93
טורקאָוו, זיגמונט — 27, 61, 93
טילעוויטש, משה — 15
טרעבלינקע — 96
טשיריקאָוו, יעווגעני
די יידן — 93
יאַנג, בועז — 93
יאַנג, קלאַראַ — 87
יונג־ווילנע — 10, 97
יונגווירט, לעאָפּאָלד — 73
יונגוויץ, ב. — 93
יונג טעאַטער, וואַרשע — 50, 52, 70, 71,
73, 74
יושקעוויטש, סעמיאָן
זילבערמאַנס אײדים, אײנאַקטער — 92
יידישע קונסט געזעלשאַפט אין ווילנע
(1919־1939) — 75, 92, 96
יידישער אַרטיסטן פאַראיין אין וואַרשע
— 16, 18, 32, 78, 88
יידישער טויב־שטומער פאַראיין אין
ווילנע — 96
יידישער מלוכה טעאַטער אין פּוילן — 96
יידישער מלוכהשער וואַנדער־טעאַטער
פאַר מערב־ווייסרוסלאַנד 1939
(געגרינדעט ביאַליסטאָק, זיץ־אָרט —
סלאָנים) — 33, 71, 89
יידישער קולטור בונד, דייטשלאַנד — 52
ייוואָ, ווילנע
ייוואָ־בלעטער — 13
טעאַטער־מוזיי — 96
ייקטאָוו
יידישער קונסט־טעאַטער אין ווילנע
(1939) — 51, 52, 53, 56, 65, 68, 74
יפה, משה — 15
כאַפּונעס (יידן־כאַפּער) — 14, 36, 60,
66, 75, 79, 96
כאַש, יוסף — 37־41, 44, 47, 48, 93,
96
כאַש־קדיש, שיינע — 47
כאַש, יאַנקעלע — 39, 42
כאַש, פייגעלע־פּאַסינקע — 39, 42, 47
כאַש, קדיש — 38, 41, 44־48, 93, 96
כאַש (זע: נחמה; גראַדנער, אברהם)
לאַטיינער, י.
דודס פידעלע, אָפּערעטע — 37
לאָנדאָנער יידישער טעאַטער — 65
לאַשקעוויטש, העלענאַ (טאַנץ־שול) — 61
לוניאַנסקי, יהושע — 15, 96, 97
לוניאַנסקי, מיירים — 96, 97
לוקישקער תפיסה — 25, 29, 30, 48, 51,
83, 84
ליאַמפּע, מאָריס — 5, 31־36, 87, 89,
96
ליבגאָלד, שרהלע — 15
ליוושיץ, משה
הערשעלע אָסטראָפּאָלער — 24, 41

לייוויק, ה.
גולם — 40, 44, 45,
קייטן — 58
ליפּאָווסקאַ (גלאַזער־וואָלסקאַ), אסתר
— 85, 86, 97
ליפּאָווסקי, נחום — 26, 27, 38, 86, 87־
88־89, 96
ליפּאָווסקאַ, פּאַניע, זע: מינץ
ליפּאָווסקי, שמחה (סאַשע) — 85־90,
94, 97
ליפּמאַן, משה — 87, 88, 93
לעיעלעס־גלאַנץ, א.
שלמה מולכו — 90
לערנער, חנה — 38
לערער יזכור־בוך — 96
לעש(טשינסקי), יצחק (איזידאָר)
אויפן וועג קיין בוענאָס־איירעס — 33
ליאָווקע מאַלאַדעץ — 38, 45
מאַלינעס (באַהעלטעניש) — 8־10, 25, 48
מאָליער, זש. ב. — 67־68
דער קאַרגער — 67
מאַרעווסקי, אברהם — 3, 22, 40, 50, 64,
78, 89, 92, 93
מיידים, ווילנער מאַריאָנעטן־טעאַטער
— 66
מייזיל, נחמן (ליטעראַרישע בלעטער)
— 71
מיין זון (אונגאַרישע דראַמע) —51, 60,
66
מיכאָעלס, שלמה — 5
(פּוילישער) מיניאַטור טעאַטער אין ווילנע
— 26, 61
מינץ־ליפּאָווסקי, סאָניע — 87, 97
מכבי (קאָוונע) — 87
מלאך, לייב
מיסיסיפּי — 52, 70, 73
נאָוואָשטשי־טעאַטער (וואַרשע) — 17
נאָזשיק, יצחק — 81
נחמה (ליפּשיץ־קדיש) — 38, 44, 45, 47,
96
ניי־טעאַטער (געוו. וואַרשעווער יוגנט־
טעאַטער) ווילנע, 1938 — 56, 71, 74
נעלקין־סטאַבער, אידע — 74, 97
נעמזער, מישע — 21
סאַמבערג, אייזיק — 16, 27, 58, 67, 93

סאַמאָילאָוויטש, וואָלף, בעהונקאַ, נאָבילע
א. א. (באַאַרבעט מ. ווייכערט)
קראַסין, געשעעניש אין 52 בילדער
— 71
סאָקאָלאָוו — 91, 92
סוצקעווער, אברהם
ווילנער געטאָ — 12, 14, 94
סטאַבער, אברהם — 73־75, 97
סטראַשון־קוזנעצאָוו, ציליע — 83, 84
סלאָבאָדסקי, אברהם — 92
סימקאָוו, שיינע־רחל
אַלץ פאַר די קינדער, אָפּערעטע — 40
סלאָנימער, יאָשע חזן — 37
סמאַרגאָנסקי, גריגאָרי — 54־57
סמאַרגאָנסקי־קורץ, מוסיע — 54, 57
סעגאַלאָוויטש, ז.
די וואַנט — 93
סעגאַלאָוויטש, קלאַראַ — 93
סעקלער, העררי
דעם צדיקס נסיעה — 93
„סקאַלאַ״־טעאַטער, וואַרשע — 32
„סקאַלאַ״־טעאַטער, לאָדזש — 58
עברית, גמנסיה — 91, 92
עטינגען, אַלבערט — 8־11
עדען, יידישער דראַמאַטישער טעאַטער
שפּעטער קינאָ (ברייטע גאַס) — 54, 55
עליאַשעוו, ניקאָלאַי — 52־53, 97
עלעקטריט, ראַדיאָ־פאַבריק (ווילנע־מינסק)
— 88
עספּעראַנטאָ (פאַרשטעלונגען) — 88
„פּאַלאַס״־טעאַטער — 46, 93
פאָנאַר — 3, 11, 14, 25, 48, 51, 57,
72, 84, 96
פאַרטיזאַנער — 4
פונסקי, יצחק — 26, 27, 29
פינסקי, דוד
יאַנקל דער שמיד — 93
פּעטראַווסקאַס, קיפּריס — 48
פּראָוואָקאַציע — 41, 43, 48, 69
פּראַגער, יעקב
שמחה פלאַכטע — 71, 73
פ.פ.אָ. (פאַראייניקטע פאַרטיזאַנער אָרגאַ־
ניזאַציע) — 7
פאַראייניקונג פון ליטעראַטן און קינסטלער
אין ווילנער געטאָ (1942) — 12, 94

פייגענבערג, יעקב — 27
פיינבערג, שלמה — 51
פישאָוו, עקיבא
גענעראַל פאַן העלענדאָרף — 64
פעדאַר
מאַטורע — 51
צייטלין, אהרן
אין קיינעמס לאַנד — 52, 59
ציפּקיס טעאַטער, פּלאַצק — 31
קאַברין, לעאָן
דער דאָרפסיונג — 92, 93
קאַהאַן, לאַזאַר — 33
קאַהאַן, שושנה — 33, 34
באשקע, אָפּערעטע — 33
קאַטש, קורט — 93
קאַטשערגינסקי, שמערקע — 14
חורבן ווילנע — 14, 96, 97
קאַליך, יעקב
יאַנקעלע, אָפּערעטע — 27
קאַלישער זומער־טעאַטער — 26, 85
קאַלמאַן
סילוויאַ, אָפּערעטע — 27, 38
טשאַרדאַש פירשטין — 27
באַיאַדעראַ — 38
קאַלמאַנאָוויטש, זעליק
געטאָ טאָגבוך — 13, 94
קאַמינסקי, אידאַ — 27, 93
קאַמינסקי, אסתר־רחל — 22, 93
קאַנאַפּאָוו — 88
קאַסווינער, ל. — 54
קאַץ, זישע — 81
קאַץ, מיכל — 34, 67־69, 97
קאַציזנע, אַלטער
דוכוס — 4, 5, 93
קאָרן, עריך
קאַלאָמבינא, איינאַקטער — 92
קאַרנייטשוק
פּלאַטאָן קרעטשעט — 47, 51, 72, 93
קאַרפּינאָוויטש, משה — 25
קוזנעצאָוו, לייב — 81־83, 84
קוטנער, שלמה — 18, 27, 38, 46, 50, 93
קולבאַק, משה
ל"ו — 93
קורלענדער, יעקב — 64
קורץ, א. — 16
קשניראָוו, א.
הירש לעקערט — 19, 24, 53, 60
קיטעל — 7, 96
קליינקונסט־בריגאַדע פאַר פּראָווינץ
(פינסק, 1939) — 40, 43
קראָקעווער יידישער זומער־טעאַטער — 73
קרוק, הערמאַן — 13, 94
ראַדין — 26
ראַדינאַ, נאַדיע — 26, 59, 61־62
ראַזומני, מאַרק
מאַטקע חב"ד — 93
ראַזענבערג, ישראל
קאַווקאַזער ליבע, אָפּערעטע — 45
בערעלע באַסיאַק, מעלאָדראַמע — 50
ראַזענקראַנץ און שריפטזעצער, דרוקעריי
אין ווילנע — 21
ראַטשטיינס אָפּערעטן טרופּע און כאָר
— 37
ראָן, לייזער — 3, 97
רובין, ישראל — 93
רודין, הירש — 15
ריגער נייער יידישער טעאַטער — 4, 27, 50, 93
רייזען, אברהם
אַ רואיקע דירה, איינאַקטער — 93
רייזען, זלמן — 27
רעמיקאַט, קליינקונסט טעאַטער אין ווילנע, (1940) — 27, 62
שאַדאָווסקי, מאַקס — 94, 97
שאַפּיראָ־בליאַכער, געניע — 95
שאַפּיראָ, דניאל — 18
שאָר, אַנשל און משה
אַ מענטש זאָל מען זיין, אָפּערעטע — 38
שאָר, משה
יחסן, אָפּערעטע — 38
שאַראַ, הענריק — 34, 35
שוואַרץ, מאַריס קונסט־טעאַטער — 27
שטיין, אַליאַשאַ — 27
שומליסקאַ, פּ.
זע: וויטאַלינאַ, פרידע
שור, י. — 94
שושנה, זע: קאַהאַן
שטרייטמאַן, אברהם — 81
שטרעמער־טעאַטער, שפּעטער קינאָ־טעאַטער (ברייטע 44), ווילנע — 27

(געטאָ) שיינען — 25, 51, 57, 72, 89
שלום עליכם — 21, 22, 23, 25
200.000 — 19, 24, 28, 31, 33, 34, 35, 47, 50, 74, 76, 93
סטעמפעניו — 27, 31, 32
טביה דער מילכיקער — 31, 32, 33, 57, 72
שווער צו זיין אַ ייד — 76
שעקספּיר, וויליאַם
קעניג ליר — 5
שיילאָק — 5
שריפטזעצער, חיהלע — 22
שריפטזעצער, אַבראַשע — 22, 24
שריפטזעצער, שעפּס־נקע — 22
שריפטזעצער, לייב — 5, 12, 21־25, 55, 96
תורת אמת, ווילנע — 91
תפארת בחורים, ווילנע — 91

זוכצעטל פון אָרטשאַפטן

אָדעס — 85
אָלשאַן — 30
אַמעריקע — 33, 34, 50, 59
אָשמענע — 30
באַראַנאָוויטש — 33, 34, 84
בוקאָווינע — 42
בוקאַרעשט — 40
ביאַליסטאָק — 33, 71, 89
בעלגיע — 33, 65
בעסאַראַביע — 42
גאַליציע — 54, 73
גראָדנע — 37, 38, 42, 47, 89
גריכנלאַנד — 61
דייטשלאַנד — 52, 53
האָמעל — 31
וואָלין — 61
וואַרשע — 17, 28, 31, 32, 33, 34, 35, 38, 40, 59, 71, 73, 91
ווילנע־ליטע (1940) — 27
ווין — 40, 73
ווייסרוסלאַנד, מערב — 40, 43
ווערזשבניק, שלעזיע — 46
ווישניעוויץ — 81
זאַבלאָטשיע — 40
זדונסקע וואָליע — 85, 86
זשיוויניעץ — 40
זשעלודאָק — 78
טרעבלינקע — 7
יאַסי — 40
יוזעפקע — 37
יעדזשעיעוו — 39, 64
כאַרקאָוו — 22, 24
כינע — 34
לאָדזש — 10, 58, 59, 60, 62, 88
לאָנדאָן — 65
לובלין — 61, 85
ליטע — 27, 45, 81, 96
לעטלאַנד — 45
לעמבערג — 54
מאָטעלע — 80
מאָסקווע — 31
מיידאַנעק — 7
מינסק — 26
ניעסוויעזש — 21
סוויר — 23, 89
סמאָלענסק — 89
סטאַניסלעוו — 23
סלאָנים — 33, 89
סמאַרגאָן — 40
ענגלאַנד — 65
עסטלאַנד — 45, 94, 95
פּאָלטאַווע — 86
פּוילן — 26, 27, 32, 33, 38, 42, 45, 50, 56, 59, 61, 64, 67, 70, 71, 80, 81, 85, 93, 96
פּינסק — 40, 43, 47, 48, 80
פּלאָצק — 31
פראַנקרייך — 33, 65
קאָוונע 40, 52, 57, 87 (מכבי), 88, 96
קאָלאָ — 85
קאָליש — 26, 85
קלאָאָגע, (טויט־לאַגער ביי רעוועל), עסטלאַנד — 95
קליינמיכעל, ביי לינץ, עסטרייך — 38
קראָקע — 27, 39, 73, 88
קרעמעניעץ — 81
ריגע — 39, 93
ראָוונע — 34, 40
רומעניע — 38, 39, 42, 45
רוסלאַנד — 37, 52, 81, 87
רעוועל, עסטלאַנד — 95

ווילנער פאַרלאַג

בולעטין

16 יאָר נאָכן חורבן־ווילנע פּרוּוון מיר באַנייען דעם אַלטן ווילנער יידישן פאַרלאַג־אַדרעס אויפן פעליקן באָדן פון אינדזל מאַנהעטן.

דערמעגלעכט די אונטערנעמונג האָט אונדז דער א״ב פון ווילנער גרונט־קאַפּיטאַל:

איבערגעגעבענע אַרבעט פאַר אָנדענק־ווילנע;

בטחון אין די אייגענע כוחות אין שווערן פאַרמעסט;

גלויבן אין אינטערעס און הילף פון די צעזייטע ווילנער און פאַר־ווילנעוועטע אויף אַלע פאַרבליבענע יידישע לעבנס־אַדרעסן, אין דער פאַרלאַגס־אונטערנעמונג.

•

מיט דער פּראָגראַם, האָבן מיר אָנגעהויבן אונדזער „ווילנער פאַר־לאַג״־טעטיקייט אין 1959 און — מיר האָבן קיין טעות ניט געהאַט אין דעם גרויסן, אומאויסשעפּלעכן כוח, וואָס עס ליגט נאָך אַלץ פאַרבאָרגן אין דעם אַלף־בית צוזאַמענבונד פון אונדזער נוסח ווילנער גרונט־קאַפּיטאַל.

במשך פון דעם יאָר — זינט עס איז דערשינען לייזער ראַנס „אַש פון ירושלים ד׳ליטע״ — איז די אויפלאַגע געוואָרן אויספאַרקויפט און בלויז אַרום 100 ביכער זיינען נאָך פאַרבליבן.

די פאַרשפּרייטונג פון בוך — מוז אונטערגעשטראָכן ווערן — איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן אַלטן ווילנער שטייגער: עטלעכע צענדליק פאַראינטערעסירטע יחידים און פירנדע טוער פון די ווילנער לאַנדס־מאַנשאַפטלעכע פאַרבאַנדן האָבן פרייוויליק איבערגענומען און דורכ־געפירט דעם פאַרקויף פון בוך אין זייערע נייע וואוינלענדער. ואלה הן:

אין מדינת ישראל: איגוד יוצא וילנה, דורך דער ספּעציעל דערצו געשאַפענער קאָמיסיע בראש מיט ח. קאַפּעלאָוויטש, י. מילאַקאָווסקי און דעם אומדערמידלעכן לייב קאָריסקי, תל־אביב; סימע סקורקעוויטש, ירושלים; וו. שוסטער און ר. בוימער, חיפה; זניה רוזנזאָן, רמת־גן.

אויסטראַליע: ווילנער פאַרבאַנד, בראש מיטן ערן־פּרעזידענט י. גיליגיטש און סעקרעטאַר אברהם זשעלעזניקאָוו.

קאַנאַדע: ווילנער פאַרבאַנד, בראש מיטן געג. סעקרעטאַר א. טראַ־פונסקי אין מאָנטרעאַל. און ע. און ב. ראזמאָוו, זשעניע קערנקרויט, ראובן מאַדייסקער און חזן נ. סטאָלניץ, טאָראָנטאָ.

מעקסיקע: ווילנער פאַרבאַנד בראש מיט נינע גערשטיין.
בראַזיל: ווילנער פאַרבאַנד בראש מיט שרה קריץ און אבע סאפּיר.
דרום־אַפריקע: חוה און יודל שרירא, שלום לעווין.
אורוגוויי: שרה גאָלדמאַן און חיה וויניצקי.
ווענעצועלאַ: אידאַ קאַץ.
בעלגיע: אינזש. ע. דאָברושקעס.
פראַנקרייך: מ. זאַלצמאַן.

פאַראייניקטע שטאַטן: ווילנער פאַרבאַנד אין אַטלאַנטיק סיטי, יאַנקל טראַצקי, פאַרזיצער; ווילנער פאַרבאַנד אין לאָס אַנדזשעלעס, פּ. פלאַט, גענ. סעקרעטאַר; ר. סופר (לאָס אַנדזשעלעס); י. מוסניק, ב. ווײַנרעב, ל. ענגעלשטערן, ב. קוזניע (ניו־יאָרק).

און ווי דאָס בוך איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען איבער צוריק־אויפ־געשטעלטע ווילנער יידישע היימען, האָבן זיך אָפּגערופן די לייענער, מיט דאַנק, מיט ליבע, מיט טרערן און זכרונות און מיט ביז־גאָר אינטע־רעסאַנטע פאָרשלאָגן און באַמערקונגען.

איבער 200 בריוו פון 15 לענדער — דאָס איז דער ספּאָנטאַנער אָפּרוף פון ווילנער און אַ היפּש־ביסל נישט־ווילנער אויפן „אַש פון ירושלים ד׳ליטע".

כדי אויסצודריקן אונדזער אויפריכטיקן דאַנק די פרייוויליקע פאַר־שפּרייטער, זייערע מיטהעלפער און מיטגייער, און דער מחנה לייענער און קאָרעספּאָנדענטן, האַלטן מיר פאַר אונדזער חוב זיי צוזאַמענצונעמען אונטערן אַלט־נײַעם עמבלעם פון „ווילנער פאַרלאַג" און זיי — אַלע צוזאַמען און יעדערן באַזונדער — באַגריסן און באַדאַנקען האַרציק־ווילנעריש:

אַבראַמאָוויטש, דינה און הירש, נ״י
אַבראַמסאָן, ה. א., נ״י
אַגוז, אַלטער, וואַרשע
אייזנמאַן, צבי, משק יגור
אַלווין, פיליפּ, שיקאַגאָ
אַלטשולער, לייב, סט. פּאָל, מינעסאָטאַ
אלמית און עזרא, נ״י
אַלעקסאַנדער, מ., סידני, אויסטראַליע
אַמסטער, טוביה, אופּסאַלאַ, שוועדן
אַנאַליק, בנימין, קיבוץ לוחמי הגיטאות
בית לוחמי הגיטאות, מוזיי
באַגאָראַד, שלמה, ראָטשעסטער
באָטוויניק, דוד, מאָנטרעאָל
באַראַן, מ. נואַרק
באַרדאַ־זשאַקאָבי, ר., פּלעזענטוויל
בוימער, רבקה, חיפה
ביילים, ש. וואַרשע
ביקסאָן, לאה, קרית חיים
בלום־ציכאַק, י., יאָהאַנעסבורג
בלומענטאַל, נ. (יד־ושם), ירושלים
בליץ, מאיר, טאָראָנטאָ
בערנשטיין, מרדכי, בוענאָס־איירעס
בערגסאָן, ליזע, נ״י
בראָנשטיין, יחזקאל, לאָס־אַנדזשעלעס
ברודנער־פּלאַקס, ד., חיפה
גאָלאָמב, א., מעקסיקע
גאָלדבערג, י., נ״י
גאָלדמאַן, שרה, מאָנטעווידעאָ
גאָרדאָן, ה. ל. ד״ר, נ״י
גורוויטש, ה., תל־אביב
גורין, משה, חולון
גיליגיטש, י., קאַרלטאָן, אויסטראַליע

גילינסקי, ש., נ״י
גינדזבורג, אברהם, תל־אביב
גענזעל י. און פרוי דר., אויסטראַליע
גערשאַטאַר, ע., חולון
גערשטיין, גינע, מעקסיקע
גלאַנץ־לעיעלעס, א. נ״י
גראַדע, חיים, נ״י
גראָסמאַן, י., מאָנטרעאָל
גראָסמאַן, משה, תל־אביב
גרויסדאָרף, דוד, טאָראָנטאָ
דאָברושקעס, ע. אינזש., בריסעל
דובעקירער, י., נ״י
דזשאָזעף, אורוויננ, אַטלאַנטיק סיטי
דייטש, מאַטעס, לאָס אַנדזשעלעס
דייכעס, מוסיע, וויינלאַנד, נ״דזש
דיאקאָניס, סימע, נ״י
דערטשין, לייזער, דאָרטשעסטער, מאַס.
האוזנער, רחל,
האַלצמאַן, ג., ברוקלין, נ״י
האַמבורג, דוד, נ״י
היברו יוניאָן קאַלעדזש
הענליי, מאַשע, נ״י
ווילנער פאַרבאַנד, אויסטראַליע
ווילנער פאַרבאַנד, אַטלאַנטיק סיטי
ווילנער פאַרבאַנד, לאָס אַנדזשעלעס
ווילנער פאַרבאַנד, מאָנטרעאָל
ווילנער פאַרבאַנד, מדינת ישראל
ווילנער פאַרבאַנד, מעקסיקע
ווילנער פאַרבאַנד, ריאָ דע זשאַנייראָ
וואַגנער, ר., נ״י
ווידוטשינסקי, יצחק, ישראל
וויגושין, י., רמת־גן
וויינרייך, מאַקס ד״ר, נ״י
וויינרעב, בערל, נ״י
וויינשענקער, י., מאָנטעווידעאָ
ווילענקער, מ., נ״י
וויניצקי, חיה, מאָנטעווידעאָ
ווירשופּ פערא און יצחק, שיקאַגאָ
ווערבלון, עלע, מאָנטעווידעאָ
זאַלצמאַן, משה, פּאַריז
זאַק, שעפּטל, נ״י
זאַקאַן, סאַמועל י. שיקאַגאָ
זשעלעזנאַקאָוו, א., אויסטראַליע

חזן, דוב, בערן, שווייץ
חסיד, ב., נ״י
טייבעל אסתר, בני ברק
טיקטין, ט., קיבוץ יג״ר
טעלעראַנט, עמאַ און הירש, וויינלאַנד
טערקעל, בצלאל, בוענאָס איירעס
טראַפּינסקי, א., מאָנטרעאָל
טראַצקי, יאַנקל, נאָרטפילד, נ״דזש
יצחק בן צבי, נשיא מדינת ישראל
יאַקערסאָן־פויזנער, חיה, נוה יהושע
ישורין, יעפים, נ״י
כ״ץ, אברהם, בני ברק
לאבקאָווסקי, דוב, צפת
לאנדסמאַן, אחי־טוב, אשדות־יעקב
ליבאַ, א. ד״ר, תל־אביב
לידסקי, פּ. ד״ר, נ״י
לעדערמאַן, רחל, נ״י
לעהרער, ליפּע, נ״י
לעוו, אברהם, גבעת השלשה
לעווין, ש., יאָהאַנעסבורג
לעניק, אָלאַ, פּאַריז
מאדייסקער, ראובן, טאָראָנטאָ
מאַרעווסקי, אברהם, וואַרשע
מילאקאָווסקי, ליזע, יצחק, תל־אביב
מכתם, עטע, מאָנטרעאָל
מעקעל, ראַזע און מוניע, דאנוויל, איל.
סאַנדלער, פּ., נ״י
סאפּיר, אבע, ריאָ דע זשאַניירא
סאַפּיר־קריץ, שרה, ריאָ דע זשאַניירא
סאָפּיאַן, ל.
סאראָקע, דוד, בני ברק
סדן, דוב, ירושלים
ס׳גאר, קאַרל ד״ר, בעווערלי הילס, קאַל.
סודאַרסקי, אַלטע, ישראל
ס׳פּר, רבקה, לאָס־אַנדזשעלעס
ס׳צקעווער, אברהם, תל־אביב
סטאַלניץ, נתן, חזן, טאָראָנטאָ
סעלעצקי, ב. און פרוי, פילאַדעלפיע
סקירקעוויטש, סימע, ירושלים
עליאָוויטש, ע. האַוואַנאַ
עלקין, מענדל, נ״י
עמיאַט, ישראל, ראָטשעסטער
ענגעלשטערן, ל., נ״י

עפשטיין, א., טאָראָנטאָ
פאָזי, בעטי און אריה, נ״י
פּאַט, יעקב, נ״י
פּאַט, עמנואל ד״ר, נ״י
פּאָמעראַנץ, בעסי, חיים ד״ר, שיקאַגאָ
פּילאָווסקי, יעקב, סאַנטיאַגאָ דע טשילי
פּינסקער, סעם, מאָנטרעאָל
פיין, פּאָול, לאָס־אַנדזשעלעס
פינקעלשטיין, ט. נ״י
פיש, הערי, נ״י
פלאט, חנה און פייוול, לאָס־אַנדזשעלעס
צוקערמאַן, יצחק, קיבוץ לוחמי הגיטאות
צייטלין, אהרן, נ״י
קאגאן, אברהם, נ״י
קאַגאַנאָוויטש, נ., קיבוץ גבעתיים
קאַטשערגינסקי, מערע, בוענאָס איירעס
קאגאן, פסח, עדמאָנטאָן אַלטאַ, קאַנאַדע
קאַלמאַנאָוויטש, צ. ה., נ״י
קאָניס, עליאָט ד״ר, נ״י
קאָנסקי, מ. האַוואַנאַ
קאַפּוסטין, י., האַוואַנאַ
קאָפּעלאָוויטש, חיים, תל־אביב
קאַץ, טשאַרלז און פרוי, בעהעסדא, מ.ד.
קאַץ, אידאַ, קאַראַקאַס
קאָריסקי, לייב, תל־אביב
קוזניע, באָריס, נ״י
קיריצקי, משה ד״ר, עין כרמל
קלויזנער, ישראל ד״ר, תל־אביב
קערנקרויט, זשעניע, טאָראָנטאָ
ראָבאַק, א. א. פּראָפ., קעמברידזש, מאַס.
ראָגאָוו, ד., נ״י
ראַוויטש, מלך, מאָנטרעאָל
ראַזמאָוו, עלקע און באָמע, טאָראָנטאָ
ראָזענבלום, לייב, לאָס אַנדזשעלעס
ראָזענזאָן, ז., רמת־גן
ראָזקעס, מאַשאַ, מאָנטרעאָל
שאַבאַד, זלמן, נ״י
ראַבינאָוויטש, משה, ישראל
שיטאַן, משה, חיפה
שוסטער וואָלף אינזש., חיפה
שיינקמאַן מ. ד״ר און פרוי,
וועסטוואוד, נ״דזש.
שימעל, מ., נ״י
שגער, צ., קיבוץ לוחמי הגיטאות
שער, משה און לילי, נ״י
[illegible]ירא, חיה און יודל, יאָהאַנעסבירג

צוליב דעם, וואָס אַ גאַנצע ריי קאָרעספּאָנדענטן האָבן איינציטיק געשריבן אויך וועגן אַנדערע ענינים זיינען אַ צאָל פון זיי ניט אַריין אין דער רשימה. מיר שליסן זיי אָבער איין מיט דער זעלבער האַרציקייט אין אונדזער דאַנק.

און צו אַלע יענע, וואָס האָבן זיך פרייוויליק אָנגעבאָטן מיטצוהעלפן אויף וועלכן ס׳איז אופן אין דער אַרבעט פון „ווילנער פאַרלאַג״ און צו די אַלע וואָס האָבן זיך נאָך ניט באַוויזן צו ווענדן וועגן דעם:

געדענקט, ליבע פריינד און לייענער, אַז דער פּראַקטישסטער אויסדרוק פון אייער הילפס־גרייטקייט וועט זיין, ווען איר וועט ביים איינשאַפן זיך אַן עקזעמפּלאַר פון יעדער אויסגאַבע פון „ווילנער פאַרלאַג״, גלייכצייטיק אויסקויפן אַ צווייטן עקזעמפּלאַר פאַר אייערס אַ פריינד אָדער באַקאַנטן.

אַזוי אַרום, וועט איר אונדז העלפן צו דערגרייכן צו אַזעלכע פּערזאָנען וואָס מיר קענען—אָן אייער הילף—ניט דערגרייכן. און דערביי פאַרדאָפּלען די צאָל קויפער און לייענער און העלפן פאַרגרעסערן די צאָל יידישע היימען וואו עס וועט זיך געפינען אַן אָנדענק און אַ זכר פון פילפאַרביקן יידישן לעבן און שוידערלעכן אומקום פון ירושלים ד׳ליטע.

•

אָפּרופן וועגן די אויסגאַבן פון „ווילנער פאַרלאַג"

וועגן לייזער ראַנס „אַש פון ירושלים ד'ליטע" זיינען במשך פון ערשטן יאָר נאָך זיין דערשיינען צו אונדז דערגאַנגען 20 אָפּהאַנדלונגען אין דער יידישער און העברעאישער פּרעסע און פּעריאָדיק אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מדינת ישראל, אַרגענטינע, מעקסיקע, אורוגוויי, קאַנאַדע און דרום־אַפריקע.

כדי צו באַקענען די לייענער מיט דעם ווי הויך די קריטיק האָט אָפּגעשאַצט דאָס בוך, ברענגען מיר דאָ אַ בינטל אויסצוגן פון די איבערזיכטן און אָפּהאַנדלונגען.

פאַראייניוועגס ווילן מיר אויף דעם וועג באַדאַנקען די רעדאַקטאָרן פון די יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פאַרן אַרויסגעוויזענעם אינטערעס און די קריטיקער פאַר זייערע אָפּשאַצונגען און אָפּהאַנדלונגען.

***

עס איז באַשערט געווען, ממש אַ גזר, אַז צום 100־יאָריקן יובל־יאָר פון דער ערשטער מאָנאָגראַפיע וועגן ווילנע „קריה נאמנה" פון משכיל ש. י. פין, זאָל לייזער ראַן צוטראָגן דעם דערנער־קראַנץ פון אַ ש.

עס איז אַ דאַנטע־רעפּאָרטאַזש פון דער פאַרברענטער, אויסגע'שרפ'טער, פאַרפייניקטער ירושלים ד'ליטע.

די איכה וואָס לייזער ראַן האָט אַריינגעשריבן אין זיינע 33 קאַפּיטלעך אין 366 זייטן — איז איינע פון די דונערדיקסטע באַשולדיקונגס־אַקטן קעגן דער רשעות'דיקער וועלט.

דאַרף זיך ראַנס בוך געפינען אומעטום, ניט דווקא בלויז ביי די ליטווישע ירושלימ'ניקעס.

מ. בערנשטיין — פון קריה נאמנה ביז אַש פון ירושלים ד'ליטע. אין: „דאָ", מאָנטעווידעאָ, נאָוו. 1960. נומ' 11.

***

אָט איז אַ בוך, וואָס וועגן אים איז שווער צו שרייבן אַן איבערבליק... קען מען רעצענזירן אַ שלוכץ וואָס קומט פון די טיפעניש? קען מען שאַצן אַן אומגליק וואָס כליפּעט אַרויס דורך אַ פאַרבלוטיקטער צונג?

עס איז אַ בוך דורכגעווייקט אין טרויער און טרערן. געשריבן איז עס אין אַ כראָניק־סטיל, אַ הספד און אַ צוואה־סטיל — דערפאַר ווירקט דאָס בוך אַזוי שטאַרק.

צום בעסטן איז צו ציטירן באַשטימטע שטעלעס מיטן אָנזאָג צום לייענער :
פאַרשאַפט זיך אָט דאָס מערקווירדיק און גוט־דאָקומענטירט בוך „אַש פון ירושלים ד׳ליטע״. לייענט און ווייסט וואָס צוויי דיקטאַטורן האָבן געטאָן צו אונ־דזער פאָלק. טוט זיך אָן אַ כּוח עס דורכצוזיפּן, מחמת עס איז אַן איינפאַך נאַציאָ־נאַלער חוב.

א. לעיעלעס — די שטילקייט מאָנט. טאָג־מאָרגן זשורנאַל ג״י 5 יוני 1960.

***

חובה על הממנים על התרבות וחנוך במדינת ישראל וכן על מוסדנו העליון לחקר השואה להגיש את הספר המצין הזה לקורא הישראלי בתרגום עברי הראוי לשפה המעלה והמשבחת של המקור.

משה קושניר — אפר של ירושלים דליטאָ, אמר, תל אביב, כ״ה ניסן, תש״ך, 22 אַפריל, 1960.

***

עס איז שווער צו לייענען לייזער ראַנס בוך סיסטעמאַטיש, ווייל יעדעס בלעטל רייסט אַרויס אַ שטיק האַרץ, פון יעדן זאַץ בלאָזט מיט פּחד.
עס איז אָבער זעלטן צו געפינען אַ בוך פון דעם מין מיט אַזויפיל דאָקו־מענטן און באַווייזן פון נאַצישער רשעות, ווי לייזער ראַנס „אַש פון ירושלים ד׳ליטע״.

יצחק וואַרשאַווסקי — ווילנע און קאָוונע אין ליד און פּראָזע, פאָרווערטס, נ״י, 10 יולי 1960.

***

דער אופן ווי לייזער ראַן שרייבט און גיט איבער דאָקומענטן, דאַטעס, גע־ציפערטע פאַקטן, דערזעענע און איבערגעלעבטע דערפאַרונגען באַקומט זיך עפּעס אַזוינס פאַר אונדזערע אויגן, וואָס עס איז שיעור אומגלויבלעך אפילו פאַר אונדז, יידן.
עס באַקומט זיך מער ווי די לעגענדע מיטן לעבעדיק געוואָרענעם פאַרברענטן פעניקס — ווילנע ווערט צוריק אויפגעלעבט פון חורבן. די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון אַן אייגנאַרטיקע יידישע שטאָט און קולטור.
בעתן לייענען בין איך ניט איינמאָל מיט מיין קאָפּ אַראָפּגעפאַלן אויף מיין לינקער האַנט, ווי פרומע יידן צום תחנון.
אַוודאי דאַרפן אַזעלכע ביכער געשריבן ווערן אויף יידיש. אָבער אַרויסגעגעבן ווערן פאַר די אומות העולם. למען יעקב איבערזעצן זיי אויף אַלע גויישע לשונות. בפירוש זיי פאַרשפּרייטן אויסשליסלעך צווישן די גויים.
דאָס בוך — איז אַ ים, וואָס רוישט מיט זיינע כוואַליעס צווישן אַלע 7 ימען אויף דער ערד פון אייביק ביז אייביק.

מאַטעס דייטש — אַש פון ירושלים ד׳ליטע, חשבון, לאָס־אַנדזשעלעס, נ׳ 21 מאַי 1960.

***

ווען כ׳האָב געלייענט דאָס בוך פון לייזער ראַן „אַש פון ירושלים ד׳ליטע״ — האָב איך די גאַנצע צייט, אָן אויפהער, אין זיך געהערט דאָס געוויין פון זיין מחבר : אַ יזכּור־געוויין פון אַן אָבל איבער ירושלים ד׳ליטע... און דער יזכּור־געוויין טראָגט זיך פון קאַפּיטל צו קאַפּיטל, פון זייטל צו זייטל, שוין אַזוי פיל ביכער געשריבן וועגן חורבן ווילנע, און דורך מענטשן, וואָס האָבן די שוידערן דורכגעלעבט בעין — אָבער אַזאַ אַן אויפהער געוויין האָבן מיר נאָך ניט גע־

הערט. מיר, די עדות, זיינען דאָך ביי אונדז די טרערן צוגענומען געוואָרן, איז געקומען דער, וואָס האָט געקענט ווילנע פאַרן חורבן, געזען זי נאָכן נאַצי־חורבן, און דעם חורבן אַליין ניט בייגעווען, און האָט אונדז געבראַכט דריי הונדערט זעקס און זעכציק זייטן געוויין — פון פאַרליבטן, פון אַן אָבל, פון אַ יתום — און פון אַ טרויערער אויף זיין צעבראָכענעם גלויבן. כ׳האָב דאָס בוך געלייענט אַן איבעררייס פון אָנהויב ביזן סוף.

סך־הכל: דאָס בוך פון לייזער ראַן איז איינס פון די פאַרבענקטסטע ליבע־ביכער צו דער חרובער ירושלים ד׳ליטע. אַ בוך וואָס וועט אַריינגיין אין דער איכה־ליטעראַטור פון אונדזערע חורבן־יאָרן.

דר. מאַרק דוואָרזשעצקי אויף די קברים פון ירושלים ד׳ליטא, די גאָלדענע קייט, תל־אביב, נומ׳ 38, 1960.

***

עס איז אַ דינאַמיש בוך. אַזוי דינאַמיש, אַז דו האָסט אַ געפיל אַז עס רו־דערט אינעווייניק, אפילו ווען עס שטייט שטיל אויף דער פּאָליצע. ווי אַ זייגער־ווערק וואָלט אין אים געווען. אַן אומרואיק בוך, אַ התלהבותדיק בוך, אַ חסידיש בוך וועגן דעם בעיקר מתנגדישן ווילנע.

עס איז אַ בוך, וואָס דער מחבר האָט עס ניט נאָר אויפגעשריבן, נאָר אי־בערגעלעבט בלעטל ביי בלעטל, שורה ביי שורה, וואָרט ביי וואָרט.

לייגסט אַוועק דאָס ווערק מיטן געפיל, אַז אַ טראָפּן פון דעם לעגענדאַרן בלוט פון דעם אומגעבראַכטן כהן זכריה איז דאָ ערגעץ צווישן די בלעטער און זידט אייביק און וועט אַזוי זידן ביז משיח וועט קומען.

מלך ראַוויטש — אַש פון ירושלים ד׳ליטע, די צוקונפט, נ״י, מערץ 1961.

***

אַ קינה, אַ קלאָג־ספר נאָך ווילנע, געשריבן מיט האַרץ, מיט אַ פאַרבלוטיקט האַרץ האָט לייזער ראַן. איך האָב זיך ניט איינגעהאַלטן און איבערגעלייענט דאָס „אַש פון ירושלים ד׳ליטע" כמעט אין איין נאַכט. פאַרטאָג זיך געכאַפּט אַז מען דאַרף דאָס בוך פאַרמאַכן... און מען טאָר דעם ספר נישט לייענען כסדר. וואָסער האַרץ קען עס אויסהאַלטן... מען דאַרף עס לייענען פאַר זיך, אין קליינע מנינים זיך דורכנעמען מיט דעם אייביקן צער. דאָס איז דער ציל פון אַזוינע ביכער. אין אונדזער גרויסן „ספר הדמעות" (ד״ר ש. בערנפעלד) איז אַזאַ קינה נישטאָ. איך דערמאָן זיך ניט אויף צווישן די קינות לתשעה באב עפּעס, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט אָט דער גרויסער קינה.

עס איז אומעטום דער מנהג צו פּראַווען דעם גענטאָ־יאָרצייט, וואָלט מען גע־דאַרפט איינשטעלן אַ נוסח פון יאָרצייט און אין שטענדיקן נוסח מוז אַריינגיין אַ פאַרלעזונג פון ראַנס בוך „אַש פון ירושלים ד׳ליטע". אין י ע ד ע ר יידישער שול מוז זיין דאָס בוך, אַז מען דאַרף אָפּט פון דעם פאַרלייענען פאַר די קינדער.

דאָס בוך דערמאָנט מיך אַ צווייט בוך פון דעם מין. מיר האָבן אין אונדזער קלאָג־ליטעראַטור איינס אַ ספר וועגן דער גזירת ת״ח ות״ט (כמיעלניצקיס פּאָגראָ־מען — 1648־9). עס האָט זיך געראַטעוועט דעמאָלט אַ ייד נתן־נאָטע האַנאָווער און אַרויסגעגעבן אַ קינה „יון מצולה". צי וועט זיך ראַנס ספר אויך דערדינען צו אַזויפיל אויפלאַגעס ווי זיין פאַרגייער?

א. גאָלאָמב — אַ קינה נאָך ווילנע, „דער וועג", מעקסיקע, 2 נאָוו. 1959.

*
**

מײַן טײַערער לײַזער, װעגן קײן שטאָט האָט נאָך קײנער ניט געשריבן קײן בוך, װי דו װעגן חורבן װילנע. אָבער אויך װעגן װילנע האָט נאָך קײנער ניט געשריבן מיט אַזאַ האַרצפּײַער. דאָס בוך „אַש פון ירושלים ד׳ליטע״ איז דער סאַמע גליענדיקסטער ספר װעגן אונדזער מאַמע־שטאָט. דער סטיל פונעם ספר איז — אַ סקולעטן־טאַנץ איבער די הײליקע חורבות. פון סאַמע אָנהײב ביז דער היפּער־גראָטעסק־טראַגישער דערצײלונג װעגן סאַראָקען — האָב איך געאָטעמט מיט הײסע װילנע־פונקען בײַם לײענען די מגילה פון פײַער. — איך קוש ד״ר ברידערלעך.

דײַן, אברהם סוצקעװער, תל־אביב.

אונדזער אויפריכטיקן דאַנק —

צו אַלע פרײַנד װאָס האָבן מיטגעהאָלפן, — יעדער אויף זײַן אופן און מיט זײַנע מיטלען — ש. בליאַכערס יזכור־כראָניק אין אָנדענק פון די אומגעקומענע יידישע אַרטיסטן זאָל צום 20טן יאָרטאָג פון איר צוגרײטונג אין װילנער געטאָ, ענדלעך דער־שײַנען אין „װילנער פאַרלאַג״ אין ניו־יאָרק:

דעם בינע־חבר פון ש. בליאַכער, אַרטיסט, רעזשיסער און פּאָעט לײב אַלטשולער (סט. פּאָול, מינעסאָטא), פאַר זײַן חברשן אינטערעס און צושטײער;

דעם קינסטלער ע. מ. װײנער, פאַר זײַן פרײַװיליקער הילף בײַם פאַרשענערן די הילע;

דעם נעסטאָר פון דער „װילנער טרופּע״, דעם גרויסן יידישן אַרטיסט, רעזשיסער און עסײאיסט אברהם מאָרעװסקי, פאַרן קדיש נאָך זײַנע בינע־חברים, נישט געקוקט אויף די שװעריקײטן בײַם באַקענען זיך מיטן מאַנוסקריפּט;

די אַרטיסטן יאָנאַס טורקאָװ און שעפטל זאַק פאַר אַרויס־געװיזענעם אינטערעס;

די בני עיר, אַלבערט עטינגין און פרוי, פאַרן זאָרגפעלטיקן אָפּהיטן, דערפירן און איבערגעבן „אין זיכערע הענט״ דעם כתב־יד;

און אַחרון אַחרון חביב — אַ האַרציקן דאַנק דעם װילנער פּאָליאַק באָלעסלאַװ באַראַטינסקי, װעלכער האָט אין די בלוטיקע יאָרן פון יידן־אומקום אויסבאַהאַלטן און געראַטעװעט אַ גאַנצע יידישע משפחה און צוזאַמען מיט זײ — דעם כתב־יד פון דער אָנדענק־כראָניק.

„װילנער פאַרלאַג״

דערשינען אין „ווילנער פֿאַרלאַג“:

ש. בליאַכער

„איין און צוואַנציק און איינער“

אנדענק־שריפֿט וועגן די אומגעקומענע יידישע ארטיסטן אין ערשטן יאָר פֿון דער נאַצי־הערשאַפֿט אין ווילנע (1941־1942)

מיט פֿאָלגנדיקן אינהאַלט:

אַברהם מאָרעווסקי — דמי אחיך צועקים — 3

לייזער ראַן — אַ לעבנס־געשיכטע פֿון אַ טויט־קראַניק — 7

שבתי בליאַכער — אַריינפֿיר — 17

לייב שריפֿטזעצער — 18

פֿראַניע ווינטער — 28

מאָרים ליאַמפּע — 31

יוסף באַש — 37

אידינאַ באַש — 42

קדיש באַש — 44

פֿרידאַ וויטאַלינאַ — 49

ניקאָלאַי עליאַשעוו — 52

מוסיע סמאַרגאָנסקי — 54

משה זעלווער — 58

נאַדיע ראַדין — 61

שמעון זאַבלאָצקי — 63

מיכאל קאַץ — 67

פּיניע זיגעלבוים — 70

אַברהם סטאַבער — 73

בן־ציון אַבעלסאָן — 76

ישראל זובאַק — 77

שרה זובאַק — 80

לייב קוזנעצאָוו — 81

ציליע סטראַשון — 84

שמחה ליפּאָווסקי — 85

לייזער ראַן — שבתי בליאַכער — 91

באַמערקונגען — 96

רשימה פֿון בילדער אין בוך — 98

זובצעטל פֿון נעמען און אָרטשאַפֿטן — 99

בולעטין פֿון „ווילנער פֿאַרלאַג“ — 105

באַשטעלט דאָס בוך אין „ווילנער פֿאַרלאַג“:

"WILNER FARLAG" c/o L. RAN

34-40 93rd Street Jackson Heights 72, N. Y.

Phone: IL 7-2193

שבתי בליאַכער	**לייזער ראַן**
איין און צוואַנציק און איינער	**אש פון ירושלים ד׳ליטע**
24 עסייען — 51 בילדער	33 עסייען — 103 בילדער
$3.00	$5.25

צום „ווילנער פאַרלאַג“ אין ניו־יאָרק,

בייגעלייגט ווערט איר געפינען אַ טשעק (פּאָסט אָרדער) אויף דער סומע

פון .... דאָלאַר, פאַר:

...... עקז. פון ש. בליאַכערס „איין און צוואַנציק און איינער“

...... עקז. פון ל. ראַנס „אש פון ירושלים ד׳ליטע“.

שיקט עס אַרויס אויף פאָלגנדע אַדרעסן:

שיקט „איין און צוואַנציק און איינער“ צו: —	שיקט „אש פון ירושלים ד׳ליטע“ צו: —
....	Name ....
....	Address ....
....	City & Zone ....
....	Name ....
....	Address ....
....	City & Zone ....

גלייכצייטיק רעקאָמענדירן מיר אייך אַרויסצושיקן אייערע אויסגאַבן צו די פאָלגנדע פּערזאָנען:

....	Name ....
....	Address ....
....	City & Zone ....
....	Name ....
....	Address ....
....	City & Zone ....
....	Name ....
....	Address ....
....	City & Zone ....

....

דאַטע   אונטערשריפט